STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06537

MAYN VORT UN KLANG

A. A. Goldin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. א. גאָלדין

מיין וואָרט און קלאַנג

לידער און פּאָעמען

וואַרשע 1936 ניו-יאָרק

פאַרלאַג:

Printed in Poland

Copyright A. A. Goldin

Mein Wort un Klang
— Wiersze i poematy —
Warszawa, New-York 1936

הילע געצייכנט: מענדל רייף
געזעצט ביי ר. ראָטענבערג,
—— וואַרשע, מילא 52 ——
Druk. Brzeziński, W—wa

אָנשטאָט אַ פאָרוואָרט

זאָל דער מענטש געדענקען...

זאָל דער מענטש געדענקען אין זיין לעבן,
אַז ער קושט פון טויט די רוט;
טעגלעך ציט ער ביסלעכווייז פאָרויס,
און אים דאַכט זיך, אַז ער רוט, —
ווי אַ מענטש וואָלט אויף אַ שיף זיך שטיל געלעבט
און דאָך אויף פליגלען פונם ווינט געשוועבט.

(פון העברעאיש, פון משה בן־יעקב בן־עזרא,
געלעבט בערך מיט אכטהונדערט יאָר צוריק
אין שפאַניע)

לירישע לידער

מײַן װאָרט

מײַן װאָרט און קלאַנג — בלוט פֿון מײַן נעשאָמע,
בלוט און מאַרך אין מײַנע גלידער, —
אַריבער זענען בײדע פֿון מײַן טאַטע־מאַמע
צו מיר, צו מײַנע שװעסטער, מײַנע ברידער.

מײַן װאָרט און קלאַנג — בלוט פֿון מײַן נעשאָמע,
קאָלירן פֿון מײַן צױבערדיקער יוגנט־װעלט:
ראָז און רױט פֿון מאָרגנזון און זונפֿאַרגאַנג,
באַשאָטנט מיטן שטילן גרין פֿון װאַלד און פֿעלד.

אויף שטילע וועגן

ביי אויף שטילע וועגן, —
זאָלן מענטשן דיך נישט זען;
רויק זאָלסטו זיך באַוועגן, —
און אַ וווּנדער וועט געשען.

ביי אויף שטילע וועגן, —
זאָלן מענטשן דיר נישט שטערן; —
וועט די זון דיר גיין אַנטקעגן,
און דו וועסט אַ זעער ווערן.

ביי אויף שטילע וועגן, —
וועסטו זען די טיפסטע הייכן;
וועסטו הערן ביי די ברעגן
דאָס שטיל־שווייגן פון נישט־דערגרייכן...

אויף די כורוועס...

אויף די כורוועס פון די אַלטע געטער וויל איך בויען
אַ נייעם טעמפּל פאַר אַ נייעם גאָט, —
אַלע מיינע רייכע אוצרעס וועל איך אים פאַרטרויען
און טאָן זיין ווילן, זיין געבאָט.

זאָל ער פון מיין האַרץ פאַרטרייבן אַלע בייזע רוכעס, —
איך וועל אין זיינע ווענט בויען;
זאָל ער, ווי אַ טרייע מוטער היטן אַלע מיינע קויכעס
פאַר מיר, מיט אים אַליין, מיט אים אַליין.

אין אָנפאַנג

אין אָנפאַנג איז געווען נאָר וויסט און לער.
און גאָט איז נאָר געווען אַ גייסט, וואָס האָט קיין אָרט
און שוועבט, און ווינטלט זיך אין פינצטערניש אָן סאָף,
און שוויגט אַרויס אין איינזאַמקייט אַ ליד אָן וואָרט.

האָט גאָט אין שטיל געבענקט נאָך ליכט און קויל.
נאָך צאַרטער ליבשאַפט אינם אָפגרונט פון אָן וועלט,
ביז זי, די שכינה, האָט פון אים זיך אויסגעטיילט
און האָט אין גרויסער ליבע זיך מיט אים געזעלט.

אין זומער־נאַכט

אין אַ שטילער זומער נאַכט,
אין אַ דאָרף אַ שטילן —
פליסט אַ קליינער טייך פאַרטראַכט.
אויפן וואַסער מיט אַ שיין אַ קילן
די לעוואָנע־קינדער שפּילן.

ליגן זיי ביים טייך אין צווייען, —
אירע פיס — ווי ווייסע יונגע רינדער, —
זי — מיזבייאַד, ער — דער קויען...
זעט די נאַכט, ווי ער אַליין
ז׳מאַקריוו איז איר פייער זיינע קינדער...

זומער־יוגנט

די ערשטע זומערדיקע יונגע נעכט, —
ווי יונגע מיידלעך, הויערן און דרימלען
אנטקעגן שטילן ווינקען פון די שטערן
אין טיפע, שטילע, טונקל־בלויע הימלען.

לאַנד שלאָפט אין אַ געוועב פון בלוי און גרין:
טייך רוט באַדעקט מיט טונקעלן שפּיגל־גלאַנץ, —
זיין נאַקעטקייט ווערט דאָ און דאָרטן אָפּגעדעקט,
ווען די לוואָנע־שטראַלן גיבן איבער אים אַ טאַנץ.

מיין האַרץ זינגט:

די אָפּגרונט־טיפע ליבע צו מיין מוטער;
די הייסע בענקשאַפט נאָכן בלוי פון אירע אויגן;
די בלומען־צערטלעכקייט פון אירע הענט;
די עפּל־זיסקייט פון איר ברוסט ביים זויגן...
די סאַמעט־גלאַטע גלידער פון מיין שוועסטער;
די גלוסטיקייט פון אירע בענקענדיקע לידער...
די זוניק־גרינע שאָטנס פון אונדזער גרינעם גאָרטן;
די שפּרודלדיקע שפּילן מיט מיינע יונגע ברידער;
דאָס קליינע שיפל אויפן שפּיגלדיקן טייכל;
דאָס שטילע ריינע וואַסער, ווו איך פלעג זיך באָדן;
דאָס מיידל, וועלכע האָט ביים ברעג געוואַשן,
און אירע נאַקעטע געטאָקטע גלידער...

מיין יינגסטע

שוין פיר טעג און פיר נעכט, אַז מיין נשאָמע הונגערט
נאָך טונקל־בלויען שמייכל פון דיינע בלויע אויגן,
נאָך רויטן קאַרשן־זאַפט פון דיינע פרישע ליפּן,
נאָך רוזן־רייאַך פון דיין וואַרם־ווייכן מיידל־לייב.

אַ מאַכנע פרודיען האָט ביי נאַכט אַ ליבע־טאַנץ
בעטאַנצט אַרום מיין בעט, מיין שלאָף געשטערט, —
און יעדערע פון זיי באַזונדער האָט מיר צוגעטוליעט
און שטיל געפרעגט, צו איך באַגער זי נאָך,
ווי איך האָב זי אַמאָל באַגערט?
און אויף מיין שווייגן האָט זי מיך אַ קוש געטאָן
און זיך אַוועקגעשאַרט
מיט אַ געוויין אַ שטילן אין דער בלינדער נאַכט.

און ווען די לעצטע איז פאַרשוווּנדן און געלאָזן מיך אַליין,
האָב איך אין נאַכט גערופן דיך, מיין ליבסטע: קום צו מיר...
אַ שוואַכער הענג איך איבער אַ טהוים און
פאַל דאָך נישט אַריין,
הענג אויף דעם ליבע־פאָדים, וועלכער בינדט
מיך צו צו דיר.

זי איז געקומען

נאָך לאַנגע טעג פון וואַרטעניש איז זי געקומען, —
אַ פרילינג־ווינטל האָט אויף מיר אַ פאָך געטאָן, —
איך האָב דערפילט דעם דופט פון פרישע יונגע בלומען.

זי האָט געשמייכלט און באַטראַכט מײַן צימער
מיט זון אין אירע יונגע טונקל־בלויע אויגן, —
האָב איך דערזען אַ רעגנבויגן אויף מײַן הימל.

און ווי אַ ווילדער שלינגט זײַן שפּײַז נאָך אַ הונגער,
האָב איך געשלונגען וואַרעם־פײַכטן אָטעם פון איר מויל, —
און מײַן נשאָמע האָט געיובלט און געזונגען.

אין אַ צעוויקטער נאַכט

אין אַ צעוויקטער נאַכט. אונטער אַ שירם
האָב איך, ווי אַ שומר, זי אַהיימגעפירט, —
און כ׳האָב אין מיין האַרץ געשפּירט,
ווי כ׳וואָלט מיין קראַנקע ליבע צו דער כּופּה פירן.

ווי אַ קינד, האָט זי געבעטן שיידן זיך אויף לאַנג,
ביז זי וועט זיך קאָנען מיר אינגאַנצן איבערגעבן, —
האָב איך פאַרנומען אין איר שטילן קינדערשן געבעט:
שטאַרב דערווייליקע, ליבער, — שפּעטער וועסטו לעבן...

זי האָט געבעטן, איך זאָל קושן זי דאָס לעצטע מאָל,
און, ווי אַ קינד, געצויגן זיך צו מיינע ליפּן, —
און ס׳איז געוועזן שווער נישט צו דערלאָזן זי,
מיין גורל דורך אַ קוש מיט יאוש־שטריק פאַרקניפּן.

צווישן אונדז איז שוין געלעגן פינסטעניש אַ שטיק, —
האָב איך געהערט: „כ׳וועל קומען מאָרגן, — וואַרט״...
כ׳האָב געבענטשט זי פריידיק אין מיין האַרצן
און געלאָזט זיך גיין אין דער צעוויקטער נאַכט.

יונגער פרילינג=טאָג

יונגער פרילינג=טאָג אין דיינע אויגן,
פרימאָרגן=ציטער אין דיין שמייכל,
רעגן=שפריי אין זונשיין — ודיינע טרערן.

צו דיין קוואַל טו איך זיך נייגן...
איך פאַרשוועד דיין צניעס? — זיי מיר מויכל, —
לעבן פליסט פון דיינע צויבער=רערן.

נישט געשטויגן...

נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, —
קאָלירן פֿון אַ רעגנבויגן.
נישט געמאָסטן, נישט געווויגן
די שטראַלן פֿון אירע אויגן.

איבער סטרונעס אָנגעצויגן,
קלאַנגען־ציטער פֿון אַ בויגן, —
איר שטימע ציטערט אויסגעצויגן;
שטראַליק קוקן אירע אויגן.

ס׳איז געשטויגן און געפֿלויגן —
קושט דער ווינט אין פֿעלד די סטויגן, —
כ׳האָב געקושט און אויך געזויגן
אירע ליפּן, אירע אויגן.

די צויבער־נעץ

ס'איז מיין נאַכט באַלויכטן מיט לוואָנע־שיין, —
אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן אין מיין הויז.
שוואַרצע ווינטלעך — פּרוויען־שאָטנס אַרום מיר
זענען אין אַ פּלאַטער־טאַנץ אַרויס.

שפּיל איך אויף מיין פידל אין לוואָנע־שיין, —
וועב אַ נעץ פון קלאַנגען און פון זילבער־שטראַלן.
פּלאַטערן אין צויבער־נעץ די פּרוויען־שאָטנס,
פּלאַטערן און ראַנגלען זיך, און פאַלן, פאַלן...

אין בינגאָלדענעם באַגינען

וואָס וועט זיין, אַז טאָג וועט קומען,
און מיין כאָלעם וועט צעריננען?
וועל איך זיין אַליין און נאַקעט
אין בינגאָלדענעם באַגינען?

אירע ליפּן זענען האָניק צו מיין גומען,
ווי דער שטויב פון בלום צו בינען, —
וועט די זון געפינען מיך אַליין
אין בינגאָלדענעם באַגינען?

מ י ד

איך לעב אַליין, אָן פריינט, אָן פיינט, —
מיין האַרץ איז מיד;
די זון אין הימל שטראַלט און שיינט, —
און איך בין מיד.

עס ליבט אַ מאַן אַ פרוי און לעבט,
און זינגט זיין ליד, —
די ליבע לעבן שאַפט און וועבט, —
איך בין מיד.

דער טאָג איז גרוי און ציט זיך פויל, —
און איך בין מיד;
סע בינדט אַ שוואַרצער פעדים־קנויל
מיין יעדן גליד.

פאַרגייט אַ זון...

פאַרגייט אַ זון פאַרנאַכט, — גייט זי דאָך אויף באַגינען;
סע קערן וואַסערן זיך אום צום יאַם, פון וועלכן זיי אנטרינען,
מיין ליבע איז פון מיר אַוועק, — ווען וועל איך זי געפינען?

וואָלקנס פינצטערן דעם הימל, — ווינטן וועלן זיי צעשטערן
דאָס נישט־ריינע וואַסער אין די הייזער פליסט אַוועק דורך רערן,
ווער וועט לייטערן מיין בלוט און מיינע האַרציקע באַגערן?

אַ פויגל אין דער שטייג פאַרשפאַרט, רופט בענקענדיק צו זון,
עס וויינט אַ הונט אין פעלד ביינאַכט און יאָמערט שטום!
איך טראַכט און קלער באַטאָג און אין די שטילע נעכט
דערפון.

װי אַן אָדל

װי אַן אָדל, בין איך אױפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי:
נישט געװאַשן, נישט געגאָלט, געפֿילט זיך מיד.
ס׳איז געװען אַ שטילע נאַכט,—און איך האָב נישט גערוט:
קאַלטער פֿײַער האָט אין מײַנע בלוטן זיך צעבליט.

ס׳איז געװען אַ שטילע נאַכט,—און איך האָב נישט גערוט:
אַ שװערער כװאַליע איז מיט מיר אין בעט געלעגן,
געאָטעמט מיט אַ זיפֿץ און אָפֿט זיך שטיל צעװײנט,
װי ס׳װײנט אַ װינט באַנאַכט אין קאַלטן רעגן.

נישט געשלאָפֿן, נישט גערוט אַ גאַנצע נאַכט:
װי אַ טרײַע מאַמע, האָב איך איבער אים געװאַכט,
געװישט זײַן קאַלטן שװײס, דערלאַנגט אים פֿרישע װאַסער—
און אין שפּיגל בײַ מײַן בעט האָט ער אױף מיר געקוקט
אַ בלאַסער...

פידל-קלאַנגען

ווי פרילינג-נעכט אין פעלד,
מיינע פידל-קלאַנגען — שטילע,
ווי זומער-נעכט אין בערג,
מיינע פידל-קלאַנגען — קילע.

איך הער אַ נאַכטיגאַל אין נאַכט
אינם ציטער פון די קלאַנגען, —
אַ ציטערן פון זאנגען
אין צעפלאַמטע זון-פאַרגאַנגען.

און אָפטמאָל וויינט מיין פידל:
נאָך אַ ליבע, וואָס איז לאַנג צערונען,
נאָך מיין געטרייער מאַמעס טויט,
נאָך אונטערגייענדיקע זונען...

אַ שיף

דער טאָג באַשטראַלט מיין וועלט מיט זון,
מיין הימל בלויט זיך העל און קלאָר,
מיין אויג זעט לויטערקייט ארום, —
כ'ווייס, וואָס איך מעג און וואָס איך טאָר.

באַנאַכט צושאָטנט זיך מיין וועלט:
מיין הימל בלויט זיך טונקל־טיף.
איך בין אַליין אין מיין געצעלט,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע ווייטע שיף.

אויפֿן באַרג

איך האָב דערגרייכט צום שפּיץ פֿון באַרג
און שטיי אַליין אין רויק־ווייסער קעלט,
און בעט: דו גרויסער גאָט, נישט קאַרג
אַ וואַרמען שטראַל מיין קאַלטער וועלט.

אַלץ איז פֿאַרבליבן דאָרט אין טאָל,
און איך בין דאָ אין ווייסער קעלט אַליין...
דו גרויסער גאָט פֿון מיין אַמאָל
קער אום צו מיר מייז ליבע יונג און ריין.

נשאָמע־רו

זאָל שטיל און רויק זיין אין מיין נשאָמע,
ווי נאָך אַ שלאַכט אין פעלד ביינאַכט,
ווען ביידע סאָנים שווייגן אין די גראָבנס,
און די לוואָנע איבער די האַרוגים וואַכט.

בענוג האַרוגים שוין געפאַלן אינם קריג
אין מיר צווישן גוט און שלעכט, —
זאָל שטיל און רויק זיין אין מיין נשאָמע
און מיך לאָזן רוען אין די שטילע נעכט.

אין לויף פון צוג

שניידט דער צוג די לופט און לויפט און לויפט
צווישן גרינע בערג און הימל־בלוי,
צווישן גרינעם פעלד און גרינעם וואַלד,
יאָגט פאַרביי אַ טייכל גרינלעך־גרוי,
אַ באַשטראַלטן שטילן דערפל, אויפן קאַרק
פון אַ זוניק־גרינעם לאַנגן באַרג.

לויפט דער צוג און שניידט די לייכטע לופט,
לופט אין זון־ליכט און אין שטראַלן־שיין, —
יאָגט אין פינסטערניש פון הייל אין באַרג אַריין,
רייסט ווידער זיך אַרויס אין ליכטיקייט פון טאָג
און לויפט, און איילט, און יאָגט.

און ווידער לאַנגע, לאַנגע גרינע בערג
מיט שאַרפע גלידער קעגן הימל־בלוי, —
אַ טיפער הימל־בלוי געפלעקט מיט וואָלקן־גרוי,
געוועלבט הויך איבער גרינער ערד,
ווו בוימער אָן אַ צאָל יאָגן זיך אין טאַנץ,
און דאָ און דאָרטן שפּיגלט זיך אַ וואַסער־גלאַנץ.

יאַם און זונפאַרגאַנג

רויט־צעפלאַמט די זון פאַרגייט, —
דער יאַם ליגט רויק אויסגעשפּרייט, —
יאַם קושט ביים ברעג די ווייסע לאָקן פון די כוואַליעס.

זון פאַרגייט צעבליט און שטיל, —
דער יאַם ליגט רויק, שטאַרק און קיל,
און שפּילט ביים ברעג מיט ווייסע לאָקן פון די כוואַליעס.

בײַם יאַם

כוואַליעס פֿון דעם שטאַרקן יאַם, —
כוואַליעס פֿון מײַן גרויסער נויט
וואַרפֿן מיך אין טהומ פֿון אומרו,
יאָגן מיך אין לאַנד פֿון טויט.

שיפֿלעך וויגן זיך בײַם ברעג, —
צאַפּלט זיך מײַן האַרץ פֿון ווײ:
נישט מײַן שיפֿל זע איך צווישן זײ...
שטילער, יאַם, — איך גײ, איך גײ...

נידערט אָוונט...

נידערט אָוונט פון די בערג אַראָפּ:
פינקלען פייערלעך צעזייט אין טאָל;
ווערט די גרינקייט פון די בערג באַטונקלט;
שוואַרצן שאָטנס זיך אין גרינעם טאָל.

טונקלער ווערט די בלויקייט אינם הימל;
טיפער ווערט די שטילקייט אינם טאָל
רוען שטיל די קליינע הייזלעך
אין דעם טונקל־גרינעם שטילן טאָל.

רוט די טונקל־גרינע, בלוי־געוועלבטע וועלט
און קוקט שטיל און רויק צו די שטערן,
בענטשט די מענטשן פון די שטילע הייזלעך,
הייסט זיי, ווי אַ גוטע מוטער, שלאָפן, שלאָפן...

מיין וועג

ביימער, יאָרן אין אַ צייל
שפּרייטן שאָטנס אויף מיין וועג, —
און אַמאָל פאַרשניידט אַ בוים
אַ געהיימע זעג.

העלפט פון מיינע ביימער
זענען שוין פאַרשניטן,
איצט זעגט און זעגט אַ זעג
אַ בוים אינמיטן.

די נישט־אָפּגעזעגטע ביימער
שטייען שווייגנדיק און ווייסן,
אַז זעגן, זעגן וועט די זעג
ביזן סאָף פון וועג.

מאַרסיאָדע

(מילכאָמע=פּאָעמע)

געשריבן אין יאָר 1917

קאַפּיטל איינס

אוקראַינע. אַ ווייס־בלויע נאַכט —
מעכאַיעדיק קיל,
אַ פולע לוואָנע באַטראַכט
אַ דאָרף אינדערשטיל:

דאָרט שאָטנט זיך אַ בערגל מיט אַ קירכע טונקל־בלאַס;
שטום ציט די לאַנגע גאַס
צווישן טונקל־גרויע כאַטעס צו דעם וועלדל ווייט,
און דאָרטן ביי דער זייט
פון דער אַלטער טונקל־גרויער וואַסער־מיל
אַ טייכל פליסט זיך שטיל.

ס'שלאָפן אַלע אין דאָרף נאָך אַ טאָג פול מיט וויי, —
ווי אַ שטורם אומבעריכט האָט פרימאָרגן צו זיי
אַ בשורה געבראַכט,
אַז מ'רופט זיי אין שלאַכט.

„... און מאָרגן פרי זייט גרייט!"
האָט דער שטומער פאַרזאַמלונג ביים וואָלאָסט דעם אַלטן
דער שרייבער געזאָגט און באַלד זיך באַהאַלטן...
שטום, קעפ געבויגן, שטייט די מאַסע, —
מיט פּאַכאַד אין די אויגן, און מיט פּענימער בלאַסע.

דער גרוי=אַלטער טעמפּל פון גלויבן
האָט זיין קופּערנעם קויל אויפגעהויבן, —
ציטערט שרעקעדיק די לופט, —
אַן אַלטער קישעפמאַכער בייזערט זיך און רופט,
און בומט, און בומט אויס אַ געבאָט:
זיי טרייו דעם צאַר און גאָט!...

האָט אַ יאָמער=קוויטשען פון אַ גויע זיך אַרויסגעבראָכן,
און אין שאַרפע פּיצלעך האָט דאָס קוויטשען זיך צעבראָכן
און אין פויער=הערצער זיך אַריינגעשטאָכן.

גויעס אַלטע, גויעס יונגע ברעכן הענט און וויינען:
„אָ, מיין מאַן! אָ, באָזשע! אָ, מיין זון מיין שיינער!...״
און די געשרייען פלעכטן זיך אין דרייען
אַרום דער קירכעס בומען, —
ווי זיי וואָלטן קענען איר זיך שטעלן
און זי ווען פאַרשטומען.

צעשפּרייט האָט זיך די מאַסע צו די כאַטעס, —
די יונגע, אַלטע טאַטעס —
מיט קעפּ געבויגן פון פאַרטומלטע געדאַנקען,
ווי ביי אַ שטערבלעך=קראַנקן:
די יונגע, אַלטע מאַמעס — צאָרנדיק=פאַרטרויערט, —

אין אַלע אויגן האָט געלויערט
אַ שרעק פאַר יענעם עפּעס, וואָס וועט צאָרעס געבן,
צעשטערן זייער היים און זייער לעבן.

שטיל איז די נאַכט אין דאָרף.
ווי צאַרטע פרויען־פינגער
אויף אַ געליבטן,
באַוועגט זיך מילד אַ ווינטל.
אַ בינטל נאָך אַ בינטל
שיקט די לבֿאָנע ווייכע שטראַלן,
ווי טפילע־טענער פון אַ זינגער
אַ פאַרטרוימטן.

שטיל, רויק איז די דאָרפישע נאַכט.
די כאַטעס — שאָטנס שטיל פאַרטראַכט.
די טונקלע ביימער — ווי פאַרכאָלעמט, שטייען זיי.
און אין דער ווייסלעך־בלויער נאַכט אַריין,
ווי אומעטיקע אויגן צוויי,
צוויי פענצטער טריפן בלאַסן שיין:
איין פענצטער — אין דעם מילנערס הויז —
לייכט שוואַך צום שטילן סאָד אַרויס
און שטערט דעם שלאָף אַ בוים אַן אַלטן,
דער צווייטער רעדט פון צאַאַר, וואָס איז באַהאַלטן
אין מוישע־בער דעם קרעמערס הויז.

דעם מילנערס טאָכטער איז אַ שײנע,
אַ שלאַנקער קערפּער אױסגעפּילט,
האָר שװאַרצע, שװאַרצע אױגן, —
װי װאַסער־קװאַלן, רײנע,
אין שפּיגל־גלאַנץ געהילט,
װי בײ אַ קינד נאָכן זױגן.

די נאַכט איז שפּעט;
סע שלאָפט דאָס גאַנצע הױז,
סע דראַפּעט װי אַ מױז, —
נאָר זי — זי קלערט נישט גײן אין בעט.
זי פילט זיך מיד, און רוען — קאָן זי נישט.
אַ גאַנצן טאָג האָט זי געבריִיט
װעש, שפּײז פאַרן מאַן און װעב.
מיט שטילע טרערן אָן אַ ברעג
האָט זי איר אַרבעט שטום באַגלײט, —
און איצט האָט זי קײן טרערן.
נאָר ס׳האַרץ קאָן שטום נישט װערן, —
עס װאַרפט זיך אין די נעבל
פון יאוש און פון װײ —
עס צאַפּלט זיך אַזױ,
װי אַ פאַרװוּנדעטער פױגל,
װאָס פילט דעם טיפן פײַן
פון איבערגײן אין טױט אַרײַן.

צופֿוסנס בײַ איר יונגן מאַן
זיצט זי אײַנגעבויגן, טראַכט
אַז עפּשער איז די נאַכט
פֿאַר אים די לעצטע אין איר בעט, —
און ערגעץ ווײַט ווערט איר איוואַן
בעפֿינען טויט אין שלאַכט.
זי קוקט אויף אים און זעט אַ
געדיכטע בלאָנדע האָר,
אַ פּנים יונג, געזונט און קלאָר,
צוויי פּלײצעס ברייט און רונד, —
ווי שיין איז ער אַצינד...

דערמאָנט זי זיך אָן קירכע־קלונג,
וואָס האָט אַ יאָר צוריק
געבומט איר גליק
מיט אָט דעם יונג.
באַפּוצט מיט פֿרישע בלומען
איז זי אין קירכע אָנגעקומען, —
אַ פֿולע קירכע, — מיידלעך, יונגען
מיט לעבעדיקע בלומען, —
דער כאָר האָט הויך געזונגען
און אַלע הערצער דורכגענומען.

ניסט געשפּאָרט האָט טיט, איר טאַטע
געלט אויף קלעזמער, טרינקען עסן, —
אַלע זאַכן ווערן זאַטע
און זיין טאָכטער ניסט פאַרגעסן.
און ביז שפּעט אין דער נאַכט
האָט דאָס דאָרף זיך געבאָדן
אין געזאַנג און אין מוזיק, —
יוגנט זינגט, יוגנט לאַכט,
טאַנצט און טאַנצט קאַראַהאָדן,
רוט אַ ווײַלע אָפּ און טאַנצט צוריק.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מוישע־בער דעם קרעמערס פרוי, —
אַ יידיש־דאָרפשע פרוי, —
געזונט און יונג און שיין,
צוויי אויגן בלוי און ריין,
אַ פּאָנעם — מילך און בלוט,
אַ הייכלעכע געשטאַלט,
און בויגיק, ווי אַ יונגע רוט,
וואָס וואַקסט אין פרילינג־וואַלד
און זויגט צו זאַט די ערד, —
זיצט איצט ביים פענצטער שטיל פאַרקלערט.
סע ציען בילדער שטיל אין נאַכט פון אירע מיידל־יאָרן:

אין דאָרף געבוירן,
ווו ס'זענען ווינציק יידן צווישן גוים פיל,
איז זי געוואָקסן שטיל.
פלעגט זי פאַרנעמען אָפט דאָס קירכע־קלינגען,
וואָס שרעקט און רופט און ציט...
פלעגט זי הערן שקאָצים, שיקסעס זינגען, —
האָט עס געוואַרמט איר געמיט...

זי קוקט אין נאַכט מיט טרוים אין בליק, —
זי זעט איר לעבן זיבן יאָר צוריק:

זי איז אַלט אַכצן יאָר.
ווייס נאָך גאָרנישט פון דער וועלט,
און ליבן ליבט זי נאָר
וואַלד, לאָנקע, פעלד
און טאַטע־מאַמע.
זי איז אין סאַמע
צייט פון די בליאונג־יאָרן.
קומט דאַן אין דאָרף צופאָרן —
פאַר אירע קליינע ברידער —
אַ לערער קלוג און יונג.
און האָט אַ שאַרפע צונג,
און זינגט אויך שיינע לידער...

דער לערער איז געוואָרן גוט צו איר, —
האָט אויפגעעפנט אין איר האַרץ אַ ברייט
און דאָרט אַ ליבע־קערנדל פאַרזייט.
האָט עס אַ וואָרצעלע געלאָזן צאַרט און דין...
דאָס איז געווען אין פרילינג, ווען סע ווייט
דאָס לעבן פריש, באַנייט און גרין, —
איז, ווי אַ צווילינג פּאָר, איר האַרץ און ערד, —
איין גורל זיי באַשערט:
געטראָגן האָבן ביידע שפּראָצן פון אַ נייעם לעבן...
די זון האָט קראַפט דער ערד געגעבן, —
און ער, דער לערער, — איר — מיט זיין שמייכל,
וואָס האָט דערמאָנט אַ טייכל.
בעהילט איז זונליכט און געלאַסטשעט פון אַ ווינטל מילד,
אין פרילינג שפּילט.

און אין איר האַרצן האָט געבליט צוגלייך
מיט די ליפּעס לעבן טייך
פון איר שטילן דאָרף צווישן וואַלד און פעלד.
סע ווערט אַ נייע וועלט, —
סע וואַקסט זיך שטיל און בליט...
סע בלוסט איר האַרץ צו אים און ציט,
ווי יונגע פלאַנצן צו דער זון, —
און ער — ער לאַסטשעט זי מיט זיינע הענט אַרום

און קושט זי הייס אין שטילע פרילינג־נעכט,
און זוכט איר שויס אין שפּיל־געפלעכט...

איז דער פרילינג גיך פאַרשוווּנדן,
און דער זומער איז געקומען, —
האָבן פרוכטן זיך באַוויזן
אויף די ערטער פון די בלומען.
האָבן קאַרשן זיך געררויטלט,
האָט אין פעלד געררייפט דער קאָרן, —
און די גוים האָבן לאָנקעס
מיט געשאַרפטע קאָסעס שוין געשוירן.

אין גרינס און פרי־זוניקע שטראַלן
האָט דאָרף זיך געהילט.

בעגאַנגען איז זי און דער לערער
נאָך יאַגעדעס אין וואַלד, —
געהערט האָט זי שאַרפער און קלערער,
ווי דער פייגל שירע זינגט און שאַלט;
בעפילט האָט זי טיף, אַז אין וואַלד
וועט קריגן איר טרוים אַ געשטאַלט.

פאַרטראַכט איז דער וואַלד זיך געשטאַנען, —
ווי ער וואָלט שטאַרק וועלן פאַרשטיין:
פאַרוואָס איז דער הימל אַזוי בלוי, אַזוי ריין?

און טוי און ליכט קומען פון וואַנען?
און דער פויגל וואָס זינגט
און זיס אַזוי קלינגט?
און וואָס וויל דאָס יונגע פּאָרל דאָ?
אין ערשטער יונג־פרימאָרגנדיקער שאָ?

פאַרטראַכט איז געשטאַנען דער וואַלד.
די בוימער גרין האָבן געשטראַלט,
ווי אויגן פון מיידלעך פאַרליבטע,
ווען טרערן פון גליק זיי באַנעצן.
מיט העל־גאָלדענע פינגער געאיבטע
האָט זון געשפריים צעשטראַלטע נעצן
אַרום איטליכן בוים, צווייג און בלאַט.
דאָס גראָז, מיט פרימאָרגן־טוי זאַט,
איז רויק געלעגן און שטיל,
און די לופט איז געווען פריש און קיל.

ווי באַרוישט זיך האָבן זיי דערפילט, —
די יונגע בלוטן האָבן זיך אין זיי צעשפּילט...
ביז איר שויס איז הייס און רייף...
און זי דריקט זיך צו אים שטייף...

און פון דעמאָלט האָבן זיך די טעג און נעכט געצויגן,
ווי אַ פּערל־שנור באַלויכטן פון אַ רעגנבויגן.

פלעגט ער איר פיל דערציילן וועגן וועלט און לעבן, —
האָט עס סייכל איר געגעבן;
האָט ער מיט איר געלייענט ביכער,—ביז זי האָט באַגריפן
אַ סויד אַ טיפן...
אַ סויד, וואָס וועט זיי בינדן ביידן
און מאַכן לעבן — אַ גאַניידן...

אָטעמט רויק די פאַרטראַכטע נאַכט;
שיקט לוואָנע אירע שטראַלן שטיל;
בלאָזט אַ ווינטל פריש און קיל.
טראַכט די יידישע טאָכטער, טראַכט:
וואָס וועט איצט פון אַלצדינג ווערן?...
איר מאַן מוישע נעמט מען צו אין שלאַכט...
וועט זי מער פון אים נישט הערן?...
אָ, גאָט!...

כאָר געענטפערט האָט איר קיינער...

און מיט דעם מילנערס טאָכטער
האָט פאַר דער איקאָנע שטיל געקנים,
און האָט געבוקט זיך און געבעטן,
אַז גאָט זאָל שטאַרקן איר געמיט...
זי האָט געבעטן און געבעטן...

כאָר געענטפערט האָט איר קיינער...

קאַפּיטל צוויי

לעבן אין דער ערד אין גראָבנס די סאָלדאַטן, —
זיי בענקען נאָך די היימען, ווייב און מאַמע־טאַטן.
קראַקען אין דער לופטן גרויסע שוואַרצע ראָבן:
קראַ!.. קראַ!.. גיכער ווערט דערהאַרגעט,
נווייל'עס דאַרף מען האָבן!..
הערן די סאָלדאַטן און זיי פילן,
אַז זיי מוזן שטאַרבן קעגן זייער ווילן.

ביים די צייט און גייט, און ס'בייטן זיך מאַנאַטן, —
און אין די גראָבנס בייטן זיך סאָלדאַטן.
זענען ווינטער־קעלטן בייזע אָנגעקומען,
און האָבן די סאָלדאַטן דורך־און־דורכגענומען.
סע בלאָזן ווילדע ווינטן, טורעמע שנייען שיטן, —
בענקען די סאָלדאַטן נאָכן פערד־און־שליטן,
בענקען זיי נאָך פייער, היים און ווייב און קינדער,
ווי בענקען נאָך ליכט די געוואָרנע בלינדע,
בענקען זיי און פרירן אין דעם קאַלטן גראָבן, —
און זיי הערן אָפט דאָס קראַקען פון די שוואַרצע ראָבן...
הערן זיי דאָס קראַקען און זיי שוידערן און פילן,
אַז זיי מוזן שטאַרבן קעגן זייער ווילן...

עס איז געװען אַ טאָג — אַ געװים אָן אַ ברעג! —
האַרמאַטן־פֿײַער... גראַנאַטן־רעגן... שרעק און שרעק!
סאָלדאַטן־מאַכנעס — װילדע כאַיעס — יאָגן זיך אין פֿעלד...
און זיי לויפֿן און זיי פֿאַלן און זיי קריכן מיט די
ביקסן אָנגעשטעלט...
פֿליען אינדערלופֿטן טויטע פֿיס און הענט און קעפּ,
דונערן האַרמאַטן, און גראַנאַטן קראַכן מיט פֿאַרטױבנדיקע
קלעפּ.
װערט טריב די לופֿט פֿון קראַכן און פֿון טויט־געשריי...
װערט בלינד די לופֿט פֿון רויך און בלוט און שניי...
פֿאַרלירן די סאָלדאַטן זייער מענטשלעכן געשטאַלט, —
צעיאָגן זיי זיך װילדער פֿון געיאָגטע כאַיעס אין אַ װאַלד.
װײַב, מאַמע, קינד—אין אַלץ פֿאַרגעסן זיי אין דער מינוט,—
נאָר דאָרשט צו טויטן!.. נאָר דעם סויגעס בלוט!..

— — — — — — — — — — — — — — —

ליגט איװאַן אין גראָבן מיט די אויגן אָפֿן,—
ער איז מיד, צעבראָכן, — און ער קאָן נישט שלאָפֿן.
זײַנע אויגן זעען בלוט־געפֿאַרבטע בילדער:
קוילעס הערט ער שרייען מיט אַ קראַפֿט אַ װילדער.
אָט דערשטעכט ער י־ע־נ־ע־ם... זעט זײַן בלוט זיך גיסן...
י־ע־נ־ע־ר גויסעסט, װאַרפֿט זיך מיט זײַן בויך צעריסן...
י־ע־נ־ע־ר גלאָצט מיט שרעק די אויגן, װעלכע זאָגן:
„דו האָסט מיך דערהאַרגעט... און מײַן װײַב װעט קלאָגן...

און מיין אַלטע מאַמע... האָסט דאָך אויך אַ מוטער...
וועט דיין זינד פאַרגעבן אונדזער גאָט דער גוטער?..״

ציטערט ער, איוואַן, און שרעקט זיך פאַר דעם
הייזעריגס בליקן, —
פילט ער, ווי עס וואָלט אים עפּעס וואַרגן, שטיקן...
טוליעט ער זיך איין מיט צוגעמאַכטע אויגן, —
זעט ער די קאָלירן פון אַ רעגנבויגן
וועבן זיך און פלעכטן אין אַ נעץ אַ ברייטער...
און אין נעץ. אָ, ווידער. זעט ער י ע נ ע ם טויטן,
יענעמס אויגן ריידן: „האָסט מיך טויט דערשלאָגן...
כ׳האָב אַן אַלטע מאַמע... און מיין ווייב וועט קלאָגן...״

איוואַן פילט זיך שוואַכער, ס׳שעפּט זיך אויס זיין קויעך—
ווערט דאָס בילד צערונען, און סע נעבלט זיך אין מויעך...
ער זינקט אין שלאָף און זעט, ווי זון־באַשטראַלטע פעלדער
שפּרייטן זיך ווייט־ווייט און ברייט, ביז טונקל־גרינע וועלדער.
סע ווייט אַ ווינטל מילד,—עס וויגן זיך אין פעלד די זאַנגען,
און דאַכט זיך, ס׳רוישן שטילע וואַסער־קלאַנגען.
מיט שאַרפע שיינענדיקע סערפּן שניידן פויערן די זאַנגען,
און די יונגע שיקסעס הילכן מיט געזאַנגען.
ער, איוואַן, מיט זיין צעשטראַלטער ווייבל מאַרפע
שניידן אויך די זאַנגען מיט צוויי סערפּן שאַרפע.

פאַרנעמט ער, װי זײַן מאַרפּע זינגט אַ ליבע־לידל, —
קלינגט עס אײנדערלופטן זיסער פון אַ פידל.

שנײדט אירװאַן דעם קאָרן...
זעט ער פלוצלינג שטראָמען בלוט פון ערגעץ פליסן...
סע ליגן טױטע אױף אַ פעלד אַ װײסן, —
זײ ליגן אין שינעלן, װי גרױ־צעפּױלטע קלעצער,
אױסגעצױגן,
מיט שרעק פאַרגלײװערט אין די אױגן.
די אױגן זענען אָפן ברײט און, דאַכט זיך, רײדן:
„נישט גוט איז אײנדעױגנט מיט דער װעלט זיך שײדן...“
פילט אירװאַן, װי ײ־ע־נ־ע־ר שטעכט אים טיף אין האַרצן, —
פינצטערט זיך דאָס שנײ־פעלד, װיקלט זיך אין שװאַרצן...
ער הערט אַ מורערדיק געיאָמער און דערקענט דאָס שרײַען, —
זײַן װײַב און טאַטע־מאַמע װײנען אַלע דרײַען:
„אָ! מײַן מאַן, מײַן ליבער!.. אָ! מײַן זון, מײַן לעבן!..
גאָט!.. פאַרװאָס האָסט דו אונדז אַזאַ שטראָף געגעבן?!“
װאַכט ער אױף און פילט אין לײַב אַ פיבער...
„ס׳איז געװען אַ כאָלעם“ — צײלמט ער זיך איבער.

קאַפּיטל דריי

זענען רוסישע אַרמייען וואָכן־לאַנג געלאָפן.
זיי האָבן אַלע בריקן אויפגעריסן
און דערפער, שטעט אַוועקגעלאָזט אין פייער;
יישובים אַלע מיטן וואָרצל אויסגעריסן, —
עס זאָל דער סוינע וויסטונג, אַש און כורוועס נאָר דערוויסן...
און ווען דער קאַלטער אָסען איז געקומען אויף דער וועלט,—
האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

אַ מאַכנע זעלנער איז געבליבן שטיין
אין פּאָליעסע. דאָרטן ווערן זומפּן זעלטן טרוקן:
די אַלטע וועלדער און די לאָנקעס קוקן
פאַרצאָרנט און פאַרפּינצטערט און פאַרקלערט
פון זייער זומפּיק־שימלדיקער ערד.
די פעלדער דאָרטן קאַרגן טוווע, —
די פויערן נישט קיינמאָל זענען זאַטע.
די זעלביקע פאַרברודיקט־אַלטע סוויטע
דינט פאַר קינד און מאַמע־טאַטע.
די פיס און ליטקעס זומער־צייט
זענען נאַקעט, באָרוועס ביי דער גויע...
די כאַטעס אין די דערפער
זעען אויס, ווי נעסטן גרויע

צווישן ביימער ווילד־באַוואַקסן,
דאָ און דאָרט מיט מאָך באַוואַקסן;
און פון שווערע אַרבעט און פון הונגער
זיינען אויסגעמאָגערט פערד און אָקסן.

זעלנער גראָבן גראָבנס אין דער ערד, —
מיט ביימש און שווערד
יונג און אַלט, ווי שעפסן שטום,
טרייבן פון די דערפער דאָרט אַרום.

ליגט ערגעץ אין פּאָליעסע טיף
א שטעטל קליין, —
פאַרשלונגען אין א נאַכט פון שפּעטן האַרבסט.
מיט א געוויין
איז פול די בלינדע נאַכט,
מיט קאַלטן רעגן און מיט ווינט,
און, דאַכט זיך, ס׳וויינט
די פינצטערניש אויף די זינד
פון דער צעפּוילטער מענטשן־וועלט...
און עמעץ שעלט און שעלט...

אין שטעטל אין א שטיבל שלאָפט אונדזער מוישע־בער, —
אַסאַך סאָלדאַטן שלאָפן אינם שטיבל, און זיי כראָפּען שווער.

די לופט אין שטיבל שטיקט:
דער קאַלך איז ברודיק אויף די ווענט
און צעלעכערט דאָ און דאָרט;
אין ווינקל הענגט און ברענט
א בלעכן לעמפל שוואַך
און ס׳רויכערט שטיל דער נאַפט,
און שטומע שאָטנס שפּרייט,
און בלינדן טרויער שאַפט,
און, דאַכט זיך, ציטערט, ציטערט
פאַר נאַכטס געהיימער קראַפט.

זעט מוישע-בער אין שלאָף:
סאָלדאַטן לויפן אָן א סאָף...
ער לויפט מיט זיי און אָטעמט שווער, —
און זיינע פיס, — זיי פאָלגן אים נישט מער...
ער פאַלט און קלערט: „פאַרפאַלן סיי-ווי-סיי...
זיין צייט איז שוין פאַרביי...“
סע קנאַלט און קראַכט פון ווייט...
סע קנאַלט לעם אים... און יענער שרייט...
ער נעמט זיין לעצטע קראַפט צונויף
און הויבט זיך אויף און לויפט און לויפט...

זעט ער פון ווייטן זיין דאָרף.
פעלדער צעשטראַלטע אין מאָרגנליכט שטיל.

װעגן באַקאַנטע און ליבע.
ער גײט אױף זײַ מיט לײַכטע טריט צום מיל...
שפּיגלט זיך דאָס קלײנע טײַכל דאָרט
און מורמלט, מורמלט, פּליסקט,
גײט ער און קומט צו דעם אָרט,
װוּ ס׳איז געשטאַנען זײַן שטוב, —
זעט ער און קאָן נישט פאַרשטײן, –
זײַן שטוב איז נישטאָ, — און אַ גרוב
איז אָפן און טיף אױף זײַן אָרט...
קוקט ער זיך אום מיט שרעק און דערזעט, —
ס׳שטײט טיט דער מילנער און זאָגט:
„דו ביסט געקומען צו שפּעט...
ס׳זענען פאַרזונקען אין גרוב
ראָכל דײַן װײַב מיט דײַן שטוב,
און דײַנע צװײ קינדער — מיט איר...״
לאָזט ער אַרױס אַ געשרײ
און כאַפּט מיט שרעק זיך אױף
און פילט, װי דאָס האַרץ טוט אים װײ...

שלאָגט זיך דער רעגן אָן דאַך;
עס יאָמערט און װאַרפט זיך דער װינט,—
ציטערט דעם װאַנט־לעמפּלס שײַן,
און ס׳װיגן זיך שאָטנס שטום, בלינד.

זעט ער זיין פאַרגאַנגענהייט:
אַ יינגל, אַלט פופצען יאָר,—
זיין קאָפּ צעגיסט זיך הילכיק-קלאָר
אין אַ בייסמעדרעש אין דער ליטע טיף.
זעלטן ווען געכאַפּט אַ שטיף, —
ווי ס'פּאַסט אַ קינד,
פון אַ בעקאָוועדיקן הויזגעזינד.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער—קלוגער שוין געוואָרן —
איז ער שטודירן אין אַ גרויסער שטאָט געפאָרן.
האָט ער אין שטאָט געליטן הונגער, צאָרעס אַלערליי...
אַלס ייד און קאַבצן—דאָס נישט טו, און דאָרט נישט שטיי...
האָט ער געליטן און געוואָלט אַ דאָקטאָר ווערן, —
האָבן בזיירעס קעגן יידן אים געהאַלטן אין איין שטערן...

מ'האָט אין סאָלדאַטן אים מיט גוואַלט אַוועקגענומען,
צעטראָטן דאָרטן זיינע שענסטע האָפענונגס-בלומען...
אויסגעדינט זיך און געוואָלט זיך לערנען ווידער,—
און נישט געהאַט מער מוט צו ליידן,—שוין געווען אַ מידער...
געבענקט נאָך ליבע פון אַ פרוי אַ געטרייע
ערגעץ אין אַ שטילן ווינקל צווישן פעלדער פרייע.

איז ער אין דאָרף געקומען רויק לעבן,—
באַגעגנט דאָרטן ראָכלען און גענומען ליבע וועבן...
כאַסענע געהאַט און קרעמער אינם דאָרף פאַרבליבן.

אָפטמאָל אין די זומערדיקע דופטיקע פאַרנאַכטן
פלעגט ער זיצן אויפן גאַנעק פון זיין שטוב און זיך פאַר־
טראַכטן
וועגן זיינע יוגנט־טרוימען, וועלכע זענען שוין פאַרלאָרן...
געטרוימט צו זיין אַ דאָקטאָר,—און אַ קרעמער גאָר געוואָרן.
פלעגט דעמאָלט זיך בייַ אים אין האַרץ צו יידן־פיינט אַ האַס
צעגליען,—
און זיינע אויגן פלעגן מיט אַ נעפּל זיך פאַרציען.
האָט ראָכל זיך באַוויזן אין אַזעלכע אומעט־ווייַלעס
און גענומען אים אַנטפלעקן מיט אַ טמימעס אירע מאַילעס...
איז זיין אומעט גיך פאַרשוווּנדן, און זיי פלעגן ביידע ריידן
וועגן ריינעם בלויען הימל... וועגן טאַינעג פאַר זיי ביידן...

ברענט שוואַך דאָס בלעכן לעמפּל
און שפּרייט די שאָטנס שטום;
און ס׳וויינען ווינט און רעגן
מיט אַ געקוויטש און מיט אַ ברום.
סע וויגן זיך אין שטוב די שאָטנס,
און אין די שויבן קלאַפּט דער ווינט, —
און ס׳דאַכט זיך אים; סע וויינט זיין מאַמע;
„מיין קינד!.. מיין קינד!..“

קאַפּיטל פיר

ווי אַ שטורם האָבן מענטשן אָן געוויסן
אין פּוילן און אין ליטע גאַנצע קהילעס מיטן וואָרצל אויסגעריסן,
געטריבן זיי אין גאַלעס, אין ווייטע פרעמדע וועלטן,
און נישט באַזאָרגט מיט שפּייז און קליידער קעגן הונגער, בייזע קעלטן.

האָבן מאַכנעס — אַלט און יונג, —
מאַכנעס גוים, מאַכנעס יידן,
זיך אויף וועג און שטעג געצויגן,
געוואַנדערט און געליטן
קעלט, הונגער און מאַגייפעס אַלערליי...
עס האָבן מאַמעס קינדער אָפט פאַרלאָרן
און פון צאָרעס זענען זיי
אויסגעגאַנגען שטיל אין פעלד,
שעפּטשענדיק דער וועלט:
„אונדזערע קינדער זענען טויט
און מיר ווייסן נישט פאַרוואָס...“
און דער טויט אויף זייער פּאָנעם
האָט פאַרזיגלט דעם „פאַרוואָס“...

האָט געטראָפן מענטשן, שרייענדיק, ווי ראָבן,
זענען הונגעריק אַ פעלד באַפאַלן

און גענומען גראָבן —
און געפֿונען דאָרט קאַרטאָפֿל...
פֿון הונגער לאַנג־געפּלאָגטע,
האָבן מענטשן מיט פֿאַרקלעמטע הערצער,
געװאַרט אױף אַ קאַרטאָפֿל אַ געבאַקטע.
האָט קאַרטאָפֿל נישט געסטײַעט,—
האָבן מענטשן זיך, װי הינט, געריסן
איבער אַ קאַרטאָפֿל...
און געװאָלט האָט קײנער װיסן
פֿון די, װאָס זענען אומגעקומען
אין דער שרעקלעכער מהומע.

זענען בײזע קעלטן אָנגעקומען,
װילדע שנײען־זאַװיערוכעס
דרײען זיך און ברומען,
װי צערײצטע ריזן־גײַסטער,
װעלכע האָבן אױפֿגענומען
אַ מילכאָמע קעגן װעלט און לעבן...
זענען פֿעלד און װאַלד געװען
װיסט און טױט און װײַס —
און אַרום האָט אױסגעזען,
װי אַ גרױסער קינסטלער
װאָלט אין אַ מינוט אַ װילדער

אַלץ פאַרשמירט אין ווייסן,
קעדייִ אָנשטאָט די אַלטע בילדער
מאָלן פרישע נייסן...
עס האָבן כאַיעס אַלערליי
אין נאָרעס זיך באַהאַלטן...
האָבן דאַן אין קעלט און שניי
מאַכנעס יידן
בעוואַנדערט און געליטן
אין צעפוילטע אַלטע קליידער,
שוואַך און קראַנק פון הונגער, קעלט,—
האָבן ווי פאַרקערפּערט
די פאַרצווייפלונג פון דער וועלט...

אַ קליינער וואַלד מיט יונגע סאָסנעס
שטייט אויף שניי־באַדעקטער ערד:
די בוימער גרין, פאַרשנייט אַביסל,—
קוקט צום הימל, ווי פאַרקלערט.
ס׳שטייט אַ מאַכנע גאָלעס־יידן
אין קליינעם וועלדל דאָרט און זעט,
ווי יאַנקעוו־לייב דער אַלטער גויסעסט
אויף שניי מיט שמאַטעס אויסגעבעט.
ער שטאַרבט און רופט זיין ווייב פון קייוועֶר,
ער בעט ביי גאָט פאַר זיינע זינד...

ער רופט זיין זון פון דער מילכאָמע;
„אָ, וווּ איז מוישע־בער, מיין קינד?..“
און אַלטע שאָקלען קעפּ און ציפּצן;
סע ווייִנען ביטער פרויען פיל;
סע שרעקן זיך די קליינע קינדער, —
סע לעשט זיך אויס אַ לעבן שטיל...
קוקט שטום דער קאַלטער גרויער הימל;
די קאַלטע ערד ליגט שטיל פאַרשנייט;
דאָס וועלדל מיט די גרינע סאָסנעס
באַטראַכט די וועלט זיך שטילערהייט...

— — — — — — — — — — — —

קאַפּיטל פינף

דאָס דאָרף איז יאָמטעוודיק געשטימט,—
ס'איז פון דער ערד ארויס דאָס ערשטע גרינס,
פון זון באַשטראַלט און זיך באַרימט
מיט זיין געווינס
אין קאַמף מיט שניי און ווינטער-קעלט
פאַר לעבן אויף דער וועלט.

דאָס טייכל פריש און קלאָר,—
א ריינער שפּיגל קעגן זון,—
באַוועגט זיך שטיל און גלאַנצט,
ווי לאַנגע לאָקן גאָלדנע האָר
אויף רונד-געטאָקטע אַקסלען פון
א יונגער פרוי, וואָס טאַנצט.

די כאַטעס — רויק שטיל
אין זייער גרוי געשטאַלט;
בוטמוטיק קוקט די מיל
אויף פרילינגס פעלד און וואַלד.

צעאַקערט ליגט דאָס פעלד —
פאַרזייט מיט גערשטן, ווייץ;
עס יאָמטעווט און עס קוועלט

די לופט פון שטראַלן־רייך,
פון פייגעלס זינגען,
פון יונגן פערדלס שפּרינגען
ארום דער מוטער־פערד
אויף זון־באַגרינטער ערד.

נאָר דער מענטש,—ער טרויערט;
טיפער אומעט לויערט
אין די אויגן זיינע: —
אָפּטמאָל טרערן ריינע
פייכטן זיי און ריידן
פון א טהוים פון לײדן
אין זיין האַרץ פאַרבאָרגן, —
נאַכט־צייט בעט ער: מאָרגן
זאָל שוין קומען שנעלער
מיט אַ ליכט אַ העלער, —
קומט דער מאָרגן, — וויל ער
צו דער נאַכט דער שטילער.

מוטערס טרויערן נאָך קינדער,
וואָס זענען ערגעץ־ווו
בעפאַלן טויט אין שלאַכט,
און יונגע פרויען האָבן נישט קיין רו,—
די גייסטער פון די טויטע מענער

שרעקן זיך ביינאַכט...
סע זענען קאַליקעס אין דאָרף געקומען
און שפּרייטן שטומע זאָרגן אומעטום, —
און פרילינג שטייט אַרום —
געפּוצט אין ליכט און בלום.

אַ בלינדער האָט איוואַן אין דאָרף זיך אומגעקערט, —
געכאַליעשט האָט זיין ווייב, ווען זי האָט דאָס דערהערט.
שטייט שטיל איוואַן, ווי אַ מאַצייווע שטום, אין גרויע גע-קליידער, —
פאַרנעמט ער, ווי די גויעס זיפצן שטילערהייט.
און אָט האָט ער דערפילט אַרום זיין האַלדז צוויי הענט, —
זיין'הויכע, פולע ברוסט האָט באַלד זיין מאַמעס קאָפּ דער-קענט, —
זי האַלדזט אים און זי וויינט...
און ער, ער גיט אַ ברום נאָר: „מאַ-אַ-מע!.. מאַ-אַ!..” און בלייבט פאַרשטיינט...
ער דרייט די אויגן שטום, —
ווי ער וואָלט וועלן זען די אַלטע פריינט אַרום...
און די אַרומיקע שטעלן אָן אויף אים ראַכמאָנעסדיקע אויגן
ווי ס'קוקן מענטשן אויף אַ פריינט אין אָפענעם קייווער אויסגעצויגן.

און פון העלער בלויער הייך,
פריש און מילד זיך פליסן
שטראַלן פון דער פרילינג-זון, —

און זיי פֿליסן, און זיי גיסן
זיך צוזאַמען מיט איוואַנס געזיכט,
מיט זיין מאַמעס אַלטע הענט—בלוי־אָדערדיק און דאַר,
מיט די ראַכמאָנעסדיקע בליקן פֿון די פֿריינט,
און ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטראַלן־צאַר...

— — — — — — — — — — — — — — —

און מוישע־בער... ראָכל ווייס, אַז ער איז שוין נישטאָ...
אַ צייט איז זי געלעגן קראַנק נאָך אָט דער שאָ,
ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז טויט, —
זי האָט אין היץ גערעדט פֿון ליבע, בלוט און נויט...
זי איז געוואָרן שוואַך און בלאַס,—
און אירע אויגן זענען שטענדיק נאַס...

ביינאַכט אָפֿט דאַכט זיך איר,—
קלאַפּט עמעצער
און בעט,
און רעדט:
„מיין פֿרוי,
איך קום צו דיר פֿון גרוב, וווּ ס׳ליגן ייִד און גוי...
מיין ווייב...“
באַדעקט אַ קאַלטער שווייס איר לייב.

אוּן אָפּט בײַטאָג גײט זי אין הויז אַרום.
צו די געקאַלכטע ווענט שיקט זי די בליקן שטום,
זי ווײס אַלײן נישט וואָס זי זוכט אויף זײ,—
און פּלוצלינג גיט זי אַ געשרײ,
זי קוויטשעט און זי לאַכט, און זי רײסט די האָר פון קאָפּ,
און שטשירעט מיט די צײן...
און אַז עס לאָזט זי אָפּ,
דערזעט זי קינדער צווײ צעשראָקן שרײען „מאַ־אַ!..“ מיט אַ געוויין.

דאָס זונליכט פליסט אַרײַן העל און שטיל
און, דאַכט זיך, וויל
די טרערןווישן זײ,
און טרײסטן, און באַשטראַלן זײער וויי...

בלום פון ליבע

פון אָסקאַר ווײַלד

איך באַשולדיק דיך נישט, ליבסטע,—איך בין שולדיק.
וואָלט איך נישט פון פראָסטן ליים געווען,
וואָלט איך שטײַגן צו נאָך־נישט־דערגרייכטע הייכן,
לופט און הימל פולער. ברייטער וואָלט איך זען.

דורך דער ווילדקייט פון פאַרצערנדיקער ליידנשאַפט
וואָלט איך זינגען דעמאָלט שאַרף און קלאָר מיין ליד
כ׳וואָלט געצונדן העלער ליכט פון פרייהייט,
כ׳וואָלט געפירט דעם קריג מיט אומרעכט און נישט ווערן מיד.

ס׳וואָלט מוזיק פון מיינע ליפּן שטראָמען
פון די קושן, וועלכע האָבן זיי צו בלוטיקן געמאַכט,—
דעמאָלט וואָלסטו מיט מאַלאָכים אומשפּאַצירן
איבער יענער גרינער לאָנקע שטיל פאַרטראַכט.

איך וואָלט טרעטן אויף דעם וועג, ווו דאַנטע
האָט די זונען פון די זיבן קרייזן קלאָר בעזען,
הימלען וואָלטן אפשר זיך פאַר מיר געעפנט,
ווי דאָס איז מיט אים געשען.

און די שטאַרקע פעלקער וואָלטן מיך באַקרוינען,—
מיך, וואָס האָט קיין קרוין, קיין נאָמען נישט!

און אין מיזרעך אַ פרימאָרגן וואָלט מיך דאָך געפינען
אויפן שוועל פון הויז פון רום געקניט.

איך וואָלט זיצן אין דעם קרייז פון מאַרמאָר,
ווו דער כאַמע אַלטער באָרד איז יונג,
און די פייף טריפט שטענדיק האָניק,
און דער לירעס סטרונעס זענען גוט אין קלונג.

קיטס וואָלט זיינע שיינע מיידל־לאָקן
פון דעם מאָן־ווייַן אויפגעהויבן,
און ער וואָלט געקושט מיין שטערן,
און זיין האַנט מיט ליבע מיר געגעבן.

און אין פרילינג, ווען די עפּל־בלומען
באַרשטן פון דער טויב די שפיגל־ברוסט,
צוויי פאַרליבטע, ליגנדיק אין גאָרטן,
וואָלטן לייענען פון אונדזער ליבע־לוסט.

וואָלטן זיי געלייענט די לעגענדע פון מיין טאַיווע,
פון מיין האַרץ דעם ביטערן סאָד געהערט,
זיך געקושט, ווי מיר,—צעשיידט זיך אָבער קיינמאָל,
ווי צעשיידן זיך איז אונדז באַשערט.

ווייל צעפרעסן פון דעם עמעס־וואָרעם
איז שוין אונדזער לעבנס רויטע בלום,

און עס קאָן קײן האַנט צוזאַמענקלײַבן
די פאַרװעלקטע בלעטלעך פון דער יוגנט־בלום.

דאָך איך ערגער זיך נישט פאַר מײַן ליבע, —
אָ! װאָס אַנדערש טאָן געזאָלט האָב איך, —
װײַל די צײַן פון צײַט פאַרצערן אונדז,
און די שטילע יאָרן יאָגן זיך.

אָן אַ רודער טראָגן מיר זיך אין אַ שטורם,—
האָט די שטורמדיקע יוגנט־צײַט געפעלט,
דאַן אָן פליִיט און לירע און געזאַנג
נעמט דער טויט אונדז פון דער װעלט.

און קײן טאַנגע איז נישטאָ אין קײוװער,—
פונם װאָרצל ציִען װערים דאָרטן קראַפט,
אַש װערט דאָרטן פון פאַרלאַנגען,
פרוכטלאָז איז דער בוים פון לײדנשאַפט.

איך האָב נישט געקאָנט טאָן אַנדערש,—נאָר דיך ליבן
מערער פון דער מוטער פון מײַן באַט אַלײן,
מערער פון ציטערא,—װעלכע הױבט זיך אױף פון יאַם
װי אַ זילבער־לילע שײן.

יאָ, איך האָב געלעבט די לידער מײַנע, —
און אַפילע יוגנט איז פאַרגאַנגען שױן,
װײס איך, אַז די מירטן־קרױן פון ליבע
איז פיל בעסער פון דעם דיכטערס לאָרבער־קרױן.

אַרטורס טויט*)

פון אַלפרעד לאָרד טעניסאָן

די מייסע, וואָס דער דרייסטער סער בעד׳וויר,
דער ערשטער און דער לעצטער פון די ריטער,
האָט שטיל דערציילט אין ווייסן ווינטער פון זיין עלטער,
ווען ער איז שוין געווען בלויז אַ קאָל,
צו זיינע נייע פריינט מיט אַנדערע באַגריפן.

וויל בעדיוויר, אינם מאַרש צו מאַירעוו,
שטיל צווישן מאַכנעס דרימלענדיקע טרעטנדיק,
האָט אין געצעלט געהערט דעם קעניגס זיפץ:

כ׳האָב אים געפונען אינם שטערן-שיין;
כ׳האָב אים באַמערקט אין בליונג פון זיין פעלד;
כ׳האָב אָבער נישט געזען אים אין זיין וועג מיט מענטשן.
זיין קריג האָב איך געפירט — און כ׳שטאַרב אַצינד.
וויי, וויי! פאַרוואָס איז אַלץ ביי אונדז אַזוי,
ווי ס׳וואָלט אַ קלענער גאָט די וועלט באַשאַפן
און נישט געקאָנט זי בילדן נאָך זיין ווונש, —
ביז ס׳זאָל פון ווייט דער גרויסער גאָט דערזען
און אין איר קומען, און זי מאַכן שיין?
און עפשער איז די וועלט שיין, לויטער שיין,
נאָר מיינע אויגן זענען שוואַך און טריב
און זענען נישט בעקוועם זען זי, ווי זי איז?

*) זע, באַמערקונגען צום סאָף.

איך, פּאַשעטער, האָב אַלץ געטראַכט צו טאָן זיין ווונש, —
און האָב געשטרייט גאָר מיטן שווערד אומזיסט;
און אַלץ, אין וואָס איך האָב געגלויבט, אין ווייב
און פריינט, האָט מיך גענאַרט. מיין קעניגרייך
ווערט כאַיש-ווילד צוריק, און איז נישט מער...
מיין גאָט, האָסט מיך פאַרגעסן אין מיין טויט, —
נייך, גאָט, כ'גיי נאָר אַוועק, און נישט איך שטאַרב.

דאַן, פאַר דער לעצטער גרויסער שלאַכט אין מאַירעוו,
האָט אַרטורן אין שלאָף באַזוכט גאַווייך,
וואָס איז אין לאַנס'לאָטס שלאַכט געפאַלן טויט:
פאַרביי זיין אויער טראָגט זיך אויף אַ ווינט
די זעלע פון גאַווייך מיט געהילך:
„די לוסט איז פאַלש, מיין האַר! אין מאָרגן פאַרלאָזט
די וועלט. ס'איז דאָרט אַן אינזל פאַר דיין רו.
און איך, — איך ווער אַרומגעבלאָזן דורך אַ ווינט, —
און יעדער טאַרנוב ז'פאַלש און פאַלש און פאַלש!"
און שוואַכער אַלץ, — ווי פייגלעך ווילד ביינאַכט
דורך וואָלקנס טראָגן זיך מיט אַ געיאָמער
צו נייע היימען, — האָט דער טרוים דורך ווינט
געשריגן אויף זיין וועג וויים צווישן בערג;
אין נעפּל און לעוואָנע-שיין
האָט ער זיך אויסגעמישט מיט טריבע קולעס, —
ווי פון אַ שטאָט, וואָס איז באַרויבט באַנאַכט

ווען ס׳איז פאַרלאָרן אַלץ, — און ווייב און קינד
מיט אַ געיאָמער ווערן קנעכט פון נייע הערשער.
און אַרטור האָט דערוואַכט און האָט געזאָגט:
„ווער האָט געהערט? אַ טרוים... דיין קאָל, גאַווייין,
איז לייכט געווען אויף ווינט... דו האָסט עס טריב
געשריגן? אָדער אַלץ, וואָס טוט באַזוכן
די וויסטעניש, וויינט, יאָמערט, — ווייל עס ווייס,
אַז ס׳וועט מיט מיר צוזאַמען מוזן גיין?"

בעדיוויר האָט דאָס געהערט און דרייסט געזאָגט:
„אָ, קעניג, ס׳מעג דאָך אונטערגיין וואָס ס׳וויל,
די עלפן און די מאַכטלאָזיקע צויבערונג פון פעלד, —
אָנשטאָט זיי ווערט דיין נאָמען און דיין רום
אויף אַלע הויכע ערטער אויסגעשפרייט,
ווי וואָלקנס גאָלדענע, אויף אייביק.
ניין, וועסט נישט פאַרגיין. גאַווייין איז לייכט געווען
אין לעבן, — און ר׳איז אויך לייכט אין טויט;
ווייל ווי דער מענטש, אַזוי איז אויך זיין גייסט,
און בלייב נישט אין כאַלוימעס וועגן אים.
שטיי אויף, — איך הער אין מאַירעוו מאַדרעדס טריט;
מיט אים דאָרט זענען דיינע ריטער פיל,
די מענטשן, וואָס דו האָסט אַמאָל געליבט.
זיי זענען מער פאַרגרעבט ווי געצנדינער;
זיי שפייען שוין אויף זייערע נעדאָרים און אויף דיר.

אין האַרצן װײסן זײ, אַז דו ביסט קעניג.
שטײ אױף און גײ, און, װי אַמאָל באַזיג.

זאָגט קעניג אַרטור צו סער בעד׳װיר:
„גאַנץ אַנדערש איז דער נײַער קריג אין מאַירעװ,
נװהין מיר גײען איצט, פון אונדזער יוגנט=קאַמף,
װען אונדזערע האָבן קריג מיט רוים געפירט,
באַזיגט די קלײנע קעניגלעך אין שלאַכט,
בעשלײדערט געצנדינער פון דער װאַנט פון רוים
און זײ צעקלאַפּט פון צאָפן=זײַט. מײַן בײזער גזאַר:
צו פירן קריג מיט מײַנע ריטער און מײַן פאָלק.
אַ קעניג װעלכע שלאָגט זיך מיט זײַן פאָלק, שלאָגט זיך אַלײן
די ריטער װעלכע האָבן מיך געליבט —
אַ טויט פאַר זײ אין קריג איז, װי אַ טויט פאַר מיר.
דאָך לאָמיר גײן פון דאַנען און אַ װעג געפינען,
אַרומטאַפּן אין בלינדן נעפּל,
װאָס, — זינט איך האָב געזען מיט מײַנע אױגן,
װי יענע ליגט אין שטויב פון אַלמעסבורי, —
האָט אײַנגעהילט די װעגן פון דער װעלט.“

דער קעניג שטעלט זיך דאַמאָלס אויף, און ער באַװעגט
זײַן מאַכנע אין דער נאַכט, און, ליג נאָך ליג,
פאַרשטויסט ער מאַדרעדן צו מאַירעװו=זײַט פון ליאָנעס,
אַ לאַנד, װאָס איז אַמאָל דערהויבן פונם אָפּגרונט

ד׳זרד פייער, אום צו זינקען ווידער אינם אָפּגרונט;
ווו ס׳האָבן רעשטן פון פאַרגעסנע פעלקער
געלעבט, און ס׳האָבן זיך די לאַנגע בערג
אַראָפּגעלאָזט צום ברעג פון זאַמד, וואָס ענדערט זיך
אָן אויפהער, און ווייט־ווייט אַוועק —
דער צויבער־קרייז פון יאַם, וואָס זיפצט און רוישט.
דאָרט קאָן נישט דער פאַרפאָלגער יאָגן מער,
דער פאַרפאָלגטער קאָן נישט מער אַנטלויפן
פון קעניג; און דאָרט אין יענעם טאָג,
ווען נידעריקער, ווי אַ גאַנץ יאָר, ברענט
דאָס גרויסע ליכט פון הימל, האָבן זיי
ביים יאַם דעם וויסטן, אויפן וויסטן זאַמד,
באַגעגנט זיך. און קעניג אַרטור האָט נאָך קיינמאָל נישט
אַזוי געשטרייט, ווי אין דער לעצטער נעפּלדיקער
און שוידער־איימעדיקער שלאַכט אין מאַירעוו.
טויט־ווייסער נעפּל שלאָפט אויף זאַמד און יאַם, —
ווער ס׳אָטעמט אים אַריין — פאַרקילט זיין בלוט,
ביז ס׳ווערט זיין האַרץ פאַרגליווערט, קאַלט.
אפילע קעניג אַרטור איז צעמישט:
ער זעט נישט די, וואָס שלאָגן זיך מיט אים.
אין נעפּל זענען שאָטנס — פריינט און פיינט;
פריינט שעכטן פריינט און ווייסן נישט;
ווער ס׳זעט די גאָלדענע יוגנט זיינע דאָן

און װער עס זעט נאָר פּענעמער פון אַלטע גײסטער,
װאָס קוקן אױף דער שלאַכט; און אינם נעפּל
קומט פאָר אַמאָל אַ גוטע טאַט, און אָפּט — אױך אַ געמײנע,
און קראַפּט און צופאַל אין געפעכטן צװישן אײנצעלנע,
און מאַכנעס אָן אָן אױפהער שטױסן זיך צוזאַמען,
און שפּליטערנדיקער שפּיז, און פּאַנצער דורכגעהאַקט,
און שילדן־פּלאַצנדיקע, שװערדן אין צוזאַמענקלאַנג,
און קראַך פון שלאַכט־העק אױף צעשמעטערטע העלמען,
און װײ־געשרײ צו יעזוסן פון יענע,
װאָס האָבן, פּאַלנדיק, געקוקט צום הימל
און בלינדן נעפּל נאָר געזען;
געשרײ פון געצנדינער און פאַרעטערישע ריטער,
און שװײס און באַלײדיגונג און שמוץ,
און לעסטערונג און שװײס און צאַפּלען זיך אין פּײַן
און אַנגסט, און שװערע לונגען־אַרבעט
אין שטיקנדיקן נעפּל, און געװײן נאָך ליכט,
און קרעכצן פון די שטאַרבנדיקע, און קוילעס פון די גויסעטע.

צום סאָף, — װי אָפּטמאָל בײַ אַ טויטנבעט,
נאָך קלאַג פון לײדן, קומט אַ שטילקײט דורכן טויט,
צו דורך אַ כאַלעשן, װי טויט, —איז אויפן גאַנצן ברעג,
אַכוץ אַ לײכטן רויש פון זידנדיקן יאַם,
אַ שטילקײט טויט געפאַלן; אָבער װען דער יאָמער־טאָג
איז פינצטערער געװאָרן מיטן אָנקום פון פאַרנאַכט,

איז אַ ווינט אַ ביטערער פון צאָפן פריי געקומען
און האָט פאַריאָגט דעם נעפל אָן אַ זייט,
און מיט דעם ווינט האָט זיך דער יאַם צעגאָסן,
און דעם בלאַסן קעניג אַרטורס בליק
איז אויפן פעלד פון שלאַכט געפאַלן,—אָבער דאָרט האָט
קיין מענטש זיך נישט באַוועגט, און קיין געשריי
פון קריסטן אָדער געצנדינער האָט זיך נישט געהערט,—
די כוואַליע נאָר האָט דאָרט זיך קרענקלעך־בלאַס
אַריינגעבראָכן צווישן טויטע פענעמער
און־הין־און־הער געוויגט הענט אָנמאַכטיקע,
געדרייט די פוסטע העלמען פון די טויט־געפאַלענע,
און זילבערדיקע שווערדן, וועלכע האָבן נאָך
אַמאָל מיט רוים געפעכט און האָבן
אין דער לענג פון ברעג צעקייקלט ווייט דעם קאָל
פון די פאַרגאַנגענע און קומענדיקע טעג.

רעדט דאַמאָלט קעניג אַרטור צום סער בעדיווער, —
און ווייסער פונם נעפל, וואָס האָט איינגעהילט
דעם גאַנצן טאָג די שלאַכט. איז ער געווען:

„דו הערסט דאָס גרויסע קאָל, וואָס שאָקלט שטאַרק די וועלט,
פאַרוויסט דאָס ענגע רייך, ווו מיר באַוועגן זיך,
און שלאָגט זיך אָן די פענעמער פון טויטע,
די טויטע מיינע, ווי זיי וואָלטן נישט פאַר מיר געשטאָרבן?

אָ, בעדיוויר, מיין האַרץ איז איצט צעמישט אַזוי,
אַז כ׳ווייס נישט, וואָס איך בין, נישט פון וואַן איך בין
און נישט צי איך בין קעניג. זע, בעד׳וויר,
כ׳זע אויס צו זיין אַ קעניג צווישן טויטע.״

דער דרייסטער סער בעד׳וויר האָט דאַן געזאָגט:
„מיין קעניג, קעניג אומעטום! די טויטע האָבן קעניגן, —
אויך דאָרטן וועל איך דיך פאַרערן, ווי אַ קעניג.
דאָך גאַנץ איז נאָך דיין לעבן, און אויך נאָך לעב איך,
ווער ס׳האָט דיך ליב, — דער אָבער, ווער ס׳האָט דיך פיינט,
ווער ס׳האָט צוריק געבראַכט די היידן צווישן אונדז,
שטייט דאָרטן, — מאַדרעד, — נישט באַשעדיקט, דער באַטריגער
פון דיין הויז!״

דער קעניג רעדט: „מיין הויז ז׳געווען מיין אומגליק.
נאָר נישט דערמאָן מיר דעם באַטריגער פון מיין הויז,
וואָס האָט אונטער איין דאַך מיט מיר געוווינט.
נאָר די, וואָס האָבן די נעדאָרים מיינע
אויף זיך גענומען, זענען דאָך מיין הויז, —
אַפילע ווען זיי האָבן זיי פאַרשוועכט,
בין איך פאַרבליבן זייער קעניג.
און ווייל איז דיר, וואָס אין מיין פינצטערער שאָ,
ווען ס׳איז צונישט דער גאַנצער טאַכלעס פון מיין טראָן,
האָסטו פאַרזיכערט, אַז אין לעבן אָדער טויט,
דו האַלטסט מיך פאַר אַ קעניג. קעניג בין איך, —

זיי מעגן שרייען, וואָס זיי ווילן,—
און אײדער איך ווער ניפטער, זאָלסטו זען
מיין לעצטן ריטערלעכן טאַט.״ און, זאָגנדיק אַזוי,
האָט קעניג אַרטור שנעל צום מאַן בענענט...
און מאָדרעד האָט זיין האַר געשלאָגן אויפן העלם,
וואָס איז שוין פריער דין געוואָרן
פון אָפטע זעצן מיט די שווערדן פון די היידן,—
האָט אַרטור מיט איין שטאַרקן לעצטן זעץ
פון שווערד־עקסקאַליבור אים טויט דערשלאָגן,—
און איז אַליין פאַרווונדעט שווער געפאַלן.

אַזוי האָט יענעם גאַנצן טאָג דער שלאַכט־גערויש
זיך צווישן בערג ביים ווינטער־יאַם געטראָגן,
ביז דעם קעניג אַרטורס טיש איז, מאַן נאָך מאַן, געפאַלן
אין ליאָנעס—אַרום דעם קעניג אַרטור, זייער האַר.
דאַן, ווייל זיין וווּנד איז טיף געווען,
האָט אים סער בעדיוויר גענומען אויף די הענט
און אים געטראָגן צו אַן אַלטער קירכע מיט אַ צײלעם
אַ צעבראָכענעם, וואָס איז נישט ווייט פון פעלד
געשטאַנען אויף אַ טונקלען פאַס פון הוילער ערד.
פון איין זייט איז דער יאַם געלעגן
און פון דער צווייטער זייט—אַ וואַסער גרויס,
און די לעוואָנע ז׳דעמאָלט פול געווען.

האָט אַרטור דאַן צו בעדיווייר געזאָגט:
„די פרוכט פון הייניקן טאָג האָט דאָך צעשטערט
די בעסטע כאַווערשאַפט פון גרויסע ריטער,
וואָס זייער נאָמען איז דער וועלט באַוווּסט.
אַזאַ שלאָף שלאָפן זיי — די מענטשן, וואָס איך האָב געליבט.
איך קלער, אַז קיינמאָל וועלן מיר שוין אין דער צוקונפט
זיך מער נישט קווייקן מיט געשפּרעכן וועגן ריטערלעכע טאַטן,
שפּאַצירנדיק אין גערטנער און אין זאַלן פון מיין קאַמעלאָט,
ווי ס'פלעגט געשען אין פריערדיקע טעג.
איך גיי פאַרלאָרן דורך די מענטשן, וועלכע כ'האָב אַליין
ברויס געמאַכט, אַפילע מערלין האָט געשוווירן,
אַז איך וועל קומען נאָכאַמאָל און ווערן ווידער קעניג.
נאָר זאָל זיין, וואָס ס'וועט זיין, — איך בין
צעשלאָגן דורכן העלם אַזוי טיף, אַז אָן הילף
קאָן איך נישט דערציען ביז פרימאָרגן.
דעריבער נעם עקסקאַליבור, וואָס איז געווען מיין שטאָלץ, —
ווייל דו געדענקסט דאָך, ווי אין יענע אַלטע טעג,
אינמיטן פון אַ שיינעם זומער־טאָג,
האָט זיך פון בוזעם פון דעם לייק
אַ האַנט, געקליידט אין ווייסן סאַמעט אויפגעהויבן,
און מיסטעריעז אַ שווערד געהאַלטן, — און ווי כ'האָב
געשאַרט צום שווערד, גענומען און געטראָגן אים,
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ קעניג; און ווו מ'זאָל פון מיר

ניט רעדן אָדער זינגען אין דער צוקונפט,
זאָל אויך די שווערד עקסקאַליבור דאָן זיין באַוווּסט.
נאָר איצטער ליג נישט אָפּ, נעם עקסקאַליבור
און שלײַדער זי אַוועק ווייט אינם מיטן פונם לייק, —
גיב אַכטונג וואָס דו זעסט, און לאָז מיר וויסן שנעל."

דער דרייסטער בעדיוויר האָט אים געזאָגט:
„סער קעניג, ס'פּאַסט נישט לאָזן דיך אַזוי,
אָן הילף, אַליין, צעשלאָגן דורכן העלם, —
א קלייניקייט קאָן שאַדן אָפּט אַ מענטשן מיט א וווּנד,—
נאָר כ'וועל דערפילן ריכטיק דיין פאַרלאַנג,
באַמערקן, וואָס איך זע, און וועל דיר לאָזן וויסן שנעל."

און זאָגנדיק אַזוי, איז ער פון דעם צעשטערטן שריין
אַוועק, און אין לוואָנע-שיין אַדורך דאָס אָרט פון קוואָרים.—
ווו ס'זענען ביינער פון פאַרצייטיקע בעלעגן,
פון ריטער פון אַמאָל, און איבער זיי האָט דער ווינט פון יאַם
געזונגען שאַרף און קאַלט, מיט שוים,—האָט ער דערגרייכט,
אויף זיגזאַג-וועגן און אַריבער פעלזן שפּיציקע,
די שיינענדיקע פלאַך פון קליינעם לייק.

און דאָרט האָט ער אַרויסגעצויגן בראַנד-עקסקאַליבור,—
און די לעוואָנע אין דער ווינטער-נאַכט,
העל-באַלויכטנדיק די ברעגן פון א לאַנגן וואָלקן,

האָט זיך געטראָגן און געפינקלט קעגן הענטל פּראָסטיק־שאַרף.
דאָס גאַנצע הענטל האָט געװוּנקען מיט ברילִיאַנטן־פֿונקען,
מיט טױזנט־טױזנטער טאָפּאַזן־ליכט
און היאַצינטן־װערק פֿון פֿײַנסטער צירונג.
ער האָט אױף דעם געקוקט אַ לאַנגע צײַט,
ביז װאַנען ס׳האָט די אױגן אים פֿאַרבלענדט.
ער האָט אױף גיך געװױגן אין געדאַנק,
צי ער זאָל װאַרפֿן אָדער נישט,—און ס׳האָט זיך אים
צום סאָף געדאַכט, ס׳איז גלײַכער צו באַהאַלטן
עקסקאַליבור אין די געדיכטע װאַסער־פֿאָנען
װאָס האָבן שטײַף און טרוקן לעבן ברעג געפּײַפֿט.
אַזױ האָט ער צום קראַנקן קעניג שטיל צוריק געשפּאַנט.

האָט אַרטור דאַן געזאָגט צו סער בעדיװױר:
„האָסטו דערפֿילט די שליכעס מײַנע, בעדיװױר?
און װאָס האָסטו געזען? און װאָס האָסטו געהערט?"

געענטפֿערט האָט דער דרײסטער בעדיװױר:
„איך האָב געהערט, װי כװאַליעס װאַשן דעם טשערעט,
און װילדע װאַסערן לעקן דאָרט דעם פֿעלז."

און אַרטור, שװאַך און בלײך, האָט אים געזאָגט:
„דו האָסט באַטריגן דײַן נאַטור און אױך דײַן נאָמען,
נישט זאָגנדיק דעם עמעס, װי עס פּאַסט דײַן טרײַהײט,

און אויך נישט, ווי אַ נאָבלער ריטער,—
ווייל זיכער וואָלט אַ צייכן זיך באַוויזן —
אַ האַנט, אַ קאָל, און עפּשער אַ באַוועגונג פונם לייק,
עס איז אַ כאַרפּע פאַר אַ מענטש צו זאָגן ליגן.
דאָך איצט באַפעל איך דיר,—גיי שנעל צוריק,
ווי דו ביסט ליב און טייער מיר, טו מיין געבאָט,
גיב אַכטונג, וואָס דו זעסט, און לאָז מיר וויסן שנעל."

דאַן גייט סער בעדיוויר אַ צווייטן מאָל
אַריבער דער שורע־בערג און טרעט שטיל ביי דעם לייק,
באַטורטע שטיינדלעך ציילנדיק,—באַשלאָסן אין געדאַנק.
דאָך ווען ער האָט געזען דאָס וווּנדער פון דעם הענטל,
ווי מאָדנע און ווי זעלטן פיין עס איז באַצירט,—
האָט ער צונויפגעפּאַטשט די הענט מיט אַ געשריי;

„און אויב איך זאָל אינעמעסן די שווערד פאַרוואַרפן,
וואָלט דעמאָלט זיכער גיין פאַרלאָרן פון דער ערד
אַ זאַך אַ טייערע, וואָס איז דאָך ווערט צו זען,
וואָס וואָלט געקאָנט באַפרידיקן די אויגן פון פיל מענטשן.
וואָס פאַר אַ טויווע וואָלט אַרויסגעקומען, ווען איך טו דאָס?
וואָס פאַר אַ שלעכטס—אויב נישט? נישט פאָלגן איז אַ זינד,—
ווייל פאָלגן איז דאָך דער פונדאַמענט פון רעגירן.
איז אָבער גוט צו פאָלגן, ווען אַ קעניג פאָדערט
אַ זאַך, וואָס איז נישט גוט פאַר אים אַליין?

דער קעניג איז דאָך קראַנק און ווײס נישט, וואָס ער טוט,
וואָס פאַר אַ סימען אָדער זײכער פון מײַן לאָרד
וואָלט בלײַבן אין דער צוקונפט, אויסער לערע לופט
און צווײפלהאַפטע מײַסעס? אָבער ווען מ׳זאָל דאָס
באַהאַלטן אין אַן אויצער־שטוב פון גרויסע קעניגן,
וואָלט עמעצער עס געקאָנט באַווײַזן בײַ אַ וואָפן־שפּיל,
און זאָגן: „קעניג אַרטורס שווערד, עקסקאַליבור, —
באַאַרבעט פון דער יונגפרוי פונם לײַק.
נײַן יאָר האָט זי די שווערד באַאַרבעט, זיצנדיק
אין טיפעניש אויף די פאַרבאָרגענע יעסוידעס פון די בערג.
אַזוי וואָלט עמעצער אַן אַלטער מאַן געקאָנט דערצײלן
אין קומענדיקער צײַט פאַרן גאַנצן אוילעם און קריגן ערע.
איצט אָבער וואָלט פאַרלאָרן גײן פיל רום און קאָווער.״

אַזוי האָט ער גערעדט, באַוואָלקנט דורך זײַן אײגענעם געדאַנק
און האָט די שווערד אַ צווײטן מאָל באַהאַלטן
און זיך געלאָזן לאַנגזאַם שפּאַנען צו דעם קראַנקן קעניג.

האָט קעניג אַרטור, אָטעמדיק שווער, געפרעגט:
„וואָס האָסטו דאָרט געזען? און וואָס האָסטו געהערט?״

דער דרײסטער סער בעדיווער האָט געענטפערט:
„איך האָב געהערט, ווי וואַסער לעקט דעם פעלז,
און די כוואַליעס וואַשן דעם טשערעט.״

און אַרטור האָט זיך דאַן געווענדט צו אים מיט צאָרן:
„אָ, פאַלשער, גרייציגער, אומווירדיקער,
נישט־ריטערלעכער, באַטריגער! ווי איז מיר!
די מאַכט פאַרלאָזט אַ גרויסעסדיקן קעניג, וועלכער ליגט
פאַריאָסעמט אָן דעם קויעך פון זיין אויג,
וואָס האָט געבויגן יענעמס ווילן. כ׳זע איצט, וואָס דו ביסט.
ווייל דו, דער לעצט־פאַרבליבענער פון מיינע ריטער,
וועמ ס׳וואָלט באַדאַרפט טאָן אַלע ריטער־פליכטן, —
דו האָסט צוליב דאָס טייערע הענטל מיך געגאַרט, —
צוליב דיין לוסט צו רייכקייט, אָדער ווי אַ מיידל,
וואָס שעצט דעם שווינדלדיקן טאַנוג פאַרן אויג.
נאָר ווייל אַ מענטש קאָן אָפט צוויי מאָל נישט טאָן זיין פליכט
און קאָן אַדריטן מאָל מאַצליעך זיין— דעריבער גיי צוריק.
נאָר אויב דו וועסט איצט זשאַלעווען די שווערד,
וועל׳ך אויפשטיין און מיט מיינע הענט דיך טויטן.“

סער בעדיוויר האָט שנעל זיך אויפגעשטעלט
און איז געלאָפן,—און אַראָפּשפרינגענדיק לייכט פון
די בערג, האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיך צווישן פּאַלאָסניק,
בעכאַפּט די שווערד און שטאַרק געקרייזט זי אין דער לופט
און זי אַוועקגעשליידערט. אין לעוואָנע־שיין
האָט בליטשטנדיק די שווערד געדרייט זיך אין אַ קרייז
און געשאָסן, ווי אַ שטראַלן־שטראָם באַגינען
אין צאָפן, ווו עס טרייסלען זיך די ווינטער־אינזלען

מיט אַ געוויש פון צאַפּנדיקן יאַם ביינאַכט.
אַזוי איז בליצנדיק די שווערד עקסקאַליבור געפאַלן, —
נאָך אײדער זי האָט אָנגערירט די פלאַך פון לייק,
האָט זיך אַ האַנט פון דאָרט אַ הויב געטאָן,
בעקליידט אין ווייסן סאַמעט, מיסטיש, וווּנדערלעך,
און זי געכאַפּט ביים שטיל, און געפאָכט מיט איר דריי מאָל,
און זי אַראָפּגעצויגן אינעם לייק.
און לייכט איז בעדיוויר אַוועק צום קעניג.

דער קעניג אָטעמט טיף און זאָגט:
„איך זע אַצינד אין דיינע אויגן, אַז ס'איז געשען.
דערציייל מיר, וואָס דו האָסט געהערט, געזען."

געענטפערט האָט דער דרייסטער בעדיוויר:
„סער קעניג, כ'האָב געשלאָסן מיינע אויגן,
ווען נישט, דאַן וואָלטן דאָך די איידלשטיינער
פאַרבלענדט מיין ציל,—ווייל כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט
בעזען און וועל נישט זען, דאָ אָדער אַנדערשוווּ,
ביז איך וועל שטאַרבן, ווען אַפילע כ'וואָלט געלעבט
דריי לעבנס פון אַ מענטש שטערבלעכן,
אַזאַ גרויס וווּנדער, ווי דער שטיל פון שווערד.
כ'האָב דאַן זי דרייענדיק מיט ביידע הענט אַוועקגעשליי-
דערט,—
נאָר ווען איך האָב זיך ווידער אומגעקוקט,

האָב איך געזען: אַ האַנט, אין ווייסן סאַמעט אָנגעקליידט,
מיסטעריש, ווונדערלעך, האָט זי ביים שטיל געכאַפּט
און, דריי מאָל פּאָכנדיק מיט איר, אין לייק אַריינגעצויגן."

דער קעניג אַרטור אָטעמט שווער און זאָגט:
„מיין סאָף דערנענט זיך,—כ'מוז אַוועק איצט פון דער וועלט.
מאַך ברייט די פּלייצעס דיינע פאַר מיין שווערן גוף
און טראָג מיך צו דעם ברעג, נאָר איך האָב מוירע,
אַז ס'האָט מיין וווּנד זיך צוגעקילט און כ'שטאַרב."

און זאָגנדיק אַזוי, האָט ער פאַמעלעך און מיט פיין
זיך פון דער ערד האַלב אויפגעהויבן, אָנגעלענט זיך אויף
זיין אָרעם, און געקוקט פאַרטראַכט מיט אויגן ברייט
און בלוי, ווי אין אַ בילד. סער בעדיווויר
האָט אים דורך טרערן מיט ראַכמאָנעס אָנגעקוקט,
געוואָלט אים עפּעס זאָגן, נאָר קיין ווערטער נישט געהאַט.
דאַן, קניענדיק אויף איין קני, האָט ער פאָרזיכטיק
דעם קעניג אַרטורס שוואַכע הענט געלייגט
אויף זיינע פלייצעס, און זיך אויפגעהויבן,
און אים געטראָגן דורכן פעלד פון קוואָרעם.

נאָר אויפן וועג האָט קעניג אַרטור שווער געאָטעמט,
ווי איינער, וועלכער "פילט אין בעט אַ נאַכט-קאָשמאַר,
ווען ס'שווייגט דאָס גאַנצע הויז. דער קעניג האָט געקרעכצט

און האָט געמורמלט אים אין אויער: „ביכער, ביכער!
כ׳האָב מוירע, אַז ס׳איז שוין צו שפּעט און כ׳שטאַרב.״
און בעדיוויר האָט שנעל געשפּאַנט פון באַרג צו באַרג,
געוויקלט אין זיין אָטעם, און ער האָט אויסגעזען
פיל גרעסער פון אַ מענטשן אויף די קאַלטע בערג.
פון הינטער זיך האָט ער געהערט דעם יאַם, און אַ געשריי—
פּאַרויס. זיין אייגענער געדאַנק האָט אים געיאָגט,
ווי מיט אַ שפּיז. האַרט געקלונגען האָט זיין טראָט
אין קאַלטע היילן און אין וויסטע שפּאַלטן פון די בערג;
דער נאַקעט־שוואַרצער ברעג האָט רעכטס און לינקס
געהילכט אַרום אים, ווען ער האָט זיינע פיס געשטעלט
אויף סטאַרטשונגען פון גלימשיקע און קרומע פעלזן
און האָט זיי שאַרף געשלאָגן מיט טריט באַוואָפנטע, —
און פּלוצלינג, זע! די פלאַך פון לייק און שטראָמען שיין
פון דער לעוואָנע אין דער ווינטערדיקער נאַכט.

דאַן האָבן זיי געזען, ווי ס׳האָט זיך אויפגעהויבן
אַ טונקלע באַרקע, פינצטער, ווי אַ טרויער־טוך,
פון עק ביז עק; און גייענדיק אַראָפּ צום לייק,
האָבן זיי באַמערקט אויף אַלע דעקן פון דער באַרקע
פיל הערלעכע פיגורן אָנגעטאָן אין שוואַרצן,
מיט שוואַרצע הוטן, ווי אַ כאָלעם,—לעבן זיי—
דריי קעניגינס אין קרוינען גאָלדענע,—

און אַ געוויין האָט זיך פון זיי דערהערט,
וואָס האָט דערגרייכט די ציטערדיקע שטערן,
ווי ס׳וואָלט געוויין אַ גאַנצער כּאָל, אַ גסיסע־יאָמער,
ווי ס׳קלאָגט אַ ווינט אַ גאַנצע נאַכט אין וויסטעניש,
וווּ קיינער קומט נישט און איז נישט געקומען
פון זינט דעם אָנהויב פון דער וועלט.

און אַרטור האָט געמורמלט: „לייג מיך אין דער באַרקע.“
און צו דער באַרקע זענען זיי געקומען.
די דריי קעניגינס האָבן דאָרטן אויסגעשטרעקט די הענט
און האָבן צוגענומען קעניג אַרטור מיט געוויין.
די העכסטע און די שענסטע פון זיי אַלע
האָט אויף איר שויס זיין קאָפּ געלייגט און פון זיין
צעקלאַפּטן העלם אים באַפרייט, געריבן זיינע הענט
און אים גערופן ביי זיין נאָמען, און באַקלאָגט זיך.
באַנעצנדיק מיט טרערן זיין מיט־בלוט־באַדעקטן שטערן, —
ווייל ס׳איז זיין גאַנצער פּנים ווייס געווען
און אָן קאָליר, ווי די לעוואָנע, וואָס פאַרגייט
בעשלאָגן פון די פרישע שטראַלן פון פרימאָרגן;
זיין פאַנצערדיקן מאַלבוש האָבן טראָפּנס בלוט באַדעקט;
און זיינע העלע שיינענדיקע לאָקן, וואָס אין זיי פלעגט
זיין שטערן אויסזען, ווי אַ זון באַגינען, —
פאַרטריקנט און צעפּאַטלט זענען זיי געווען

פון שטויב און בלוט, אַראָפּגעהאָנגען אָן אַ סיידער
און זיך געמישט צוזאַמען מיטן ריטערישן געוויקס,
וואָס האָט באַפּרענזט די ליפּן זײַנע.
אַזוי איז אַרטור, ווי אַ שטאַרק צעקלאַפּטער זייל,
בעלעבן,—נישט ווי יענער אַרטור, וועלכער
מיט שפּיז אין שייד, פון שפּאָר ביז פעדער אינם העלם—
אַ שטערן אינם ריטער־שפּיל, איז, ווי אַ פּירל,
געפלויגן פאַר די אויגן פון די ליידיס און די קעניגן.

סער בעדיווער האָט דאַן זיך הויך צעוויינט:
„אָ, מײַן לאָרד אַרטור, ווו וועל איך גיין אַצינד?
און ווו וועל איך אַהינטאָן מײַנע אויגן און מײַן שטערן?
ווײַל איצטער זע איך, אַז די אַלטע צײַטן זענען טויט,
ווען יעטוועדער פרימאָרגן האָט געבראַכט אַ נאָבעלן טאַט,
און איטלעכע פּאַסירונג האָט אַרויסגעבראַכט אַ נאָבעלן ריטער.
אַזעלכע צײַטן זענען נישט געוועזן זינט דעם שײַן,
וואָס האָט געפירט די הייליקע זקיינים מיטן מור־געשאַנק.
נאָר איצט איז שוין צעשטערט דער גאַנצער רונדער טיש,
וואָס איז געווען דער אָפּשײַן פון דער גרויסער וועלט,—
און איך, דער לעצטער. גיי אַוועק פון דיר אָן פּריינט,
און טעג און יאָרן טונקלען אַרום מיר,
צווישן נײַע מענטשן, מאָדנע פּנעמער און אַנדערע באַגריפן."

און אַרטור האָט פון באַרקע לאַנגזאַם אים געזאָגט:
„דער אַלטער סיידער בייט זיך, געבנדיק זיין אָרט דעם נייעם
און גאָט אַנטפּלעקט זיך אין פיל נייע וועגן, —
איין גוטע שטענדיקע געוווינהייט וואָלט די וועלט פאַרדאָרבן.
טרייסט זיך אַליין, — ווייל ווי דען זעסטו טרייסט אין מיר?
איך האָב מיין לעבן אָפּגעלעבט, און וואָס איך האָב געטאָן,
מעג ער עס לייטערן אין אים אַליין. נאָר דו, —
אויב דיר איז נישט באַשערט צו זען מיין פּנים ווידער,
בעט גאָט פאַר מיין נשמה. פיל מער ווערט דערגרייכט
דורך טפילעס, ווי ס'טרוימט די וועלט דערפון.
דעריבער זאָל זיך הויך, ווי א פאָנטאַן,
דיין שטימע הייבן טאָג און נאַכט פאַר מיר.
ווייל מיט וואָס זענען מענטשן בעסער דען
פון שעפּסן אָדער ציגן, וועלכע נערן זיך און לעבן בלינד
אין זייער מאַרך, אויב ווייסנדיק, אַז גאָט איז
פאַרהאַנדן, הייבן זיי נישט אין געבעט די הענט
פאַר זיך אַליין און נישט פאַר זייער פריינט?
ווייל ס'איז די גאַנצע קיילעכדיקע ערד געבונדן
אין יעדן וועג מיט גאָלדענע קייטן צו די פיס פון גאָט.
נאָר זיי געזונט. איך גיי איצט אין א לאַנגן וועג
אינאיינעם מיט די, וואָס דו זעסט, — אויב כ'גיי
אינעמעסן (ווייל ס'איז פאַרוואָלקנט מיין פאַרשטאַנד
מיט צווייפל) — צו דעם אינזל־טאָל פון אַווילִיאָן,

װוּ ס'פֿאַלן נישט קײן האָגל, רעגן, אָדער שנײ,
און קײנמאָל בלאָזט נישט שטאַרק אַ װינט, — נאָר
ער ליגט פֿאַרטיפֿט אין לאָנקעס, גליקלעך, מיט גערטנער
און קילע טאָלן באַקרױנטע מיטן זומער־יאַם, —
װוּ איך װעל אױסהײלן מײַן טיפֿע װוּנד.
אַזױ האָט ער געזאָגט, — און ס'האָט די באַרקע
מיט רודער און מיט זעגל זיך גערירט פֿון ברעג,
װי אַ פֿולברוסטיקער שװאַן, װעלכער זינגט,
װ'אַ פֿלײט, אַ װילד געזאַנג, און שױבערט
די רײנע קאַלטע פֿעדערן, און נעמט דעם שטראָם
מיט זײַנע טונקלע שװימערס. לאַנג איז בעדיװיר
געשטאַנען און צעװיקלט פֿיל זיכרױנעס, ביז די שיף
האָט אױסגעזען אַ פּינטל שװאַרץ אַנטקעגן דעם
פֿרימאָרגן־ברעג, און דאָס געיאָמער אױפֿן לײק
איז ביסלעכװײַז געװאָרן שטיל און שטילער.

און װען די קלאָג האָט אױפֿגעהערט אױף שטענדיק, —
האָט אים די שטילקײט פֿון דער טױטער װעלט
אין װינטערדיקן טאָג־באַגינען גאָר פֿאַרװוּנדערט,
און ער האָט טיף געזיפֿצט: „דער קעניג איז אַװעק“
און ער האָט זיך דערמאָנט אָן סױדעסדיקן פֿערז:
„ער גײט פֿון גרױסן טהום צום גרױסן טהום.“

און דאַן האָט ער זיך לאַנגזאַם אומגעקערט, געקלעטערט
צום לעצטן האַרטן פּוסטראָט פונם אייזן־פעלז;
ער האָט געזען פון דאָרטן, ווי די שיף באַוועגט זיך נאָך.
און האָט געוויינט: „ר׳גייט זיין אַ קעניג צווישן טויטע,
און, ווען זיין טיפע וווּנד וועט זיין פאַרהיילט,
קומט ער צוריק,—נאָר אויב ער קומט נישט מער צוריק,—
אָ, ווי איז מיר,—דאַן זאָלן אין דער שוואַרצער באַרקע
די שוואַרצע קעניגינס, וואָס האָבן הויך געיאָמערט,
זיין יענע דריי, וואָס האָבן אונדז באַצויבערט
אין דעם פרימאָרגן, ווען זיי זענען, אָנגעטאָן
אין לעבן־ליכט, געשטאַנען לעבן אַרטורס טראָן
ווי זיינע פריינט צו העלפן אים אין נויט?"

דאַן האָט זיך אים געדאַכט, ווי פונם טאָג־באַגינען,
נאָר שוואַך, ווי פון אַהינטער דעם גרענעץ פון דער וועלט,
ווי ס׳לעצטע עכאָ פון אַ גרויס געשריי,
דערטראָגן זיך דאָ קלאַנגען, ווי עס וואָלט אַ גרויסע שטאָט
געשריען אין איין קאָל אַרום אַ קעניג,
וואָס האָט פון אַ מילכאָמע זיך צוריקגעקערט.

דערביי האָט ער זיך נאָכאַמאָל גערירט פון אָרט
און האָט געקלעטערט הויך, ווי ער האָט נאָר געקאָנט,
און אָנגעשטרענגט די אויגן אונטערן געוועלב
פון האַנט, און האָט געזען,—און עפּשער האָט זיך אים

בעדאַכט, אַז ר׳זעט,—דעם פלעק, וואָס האָט געטראָגן
דעם קעניג ווייט, ווייט אויפן וואַסער,
וואָס עפנט זיך צום טהוים, און איז געוואָרן
אַלץ קלענער, קלענער, ביז ר׳איז אין ליכט פאַרשוווּנדן.
אַ נייע זון איז אויפגעגאַנגען און געבראַכט אַ נייעם יאָר.

באַמערקונגען צו דער פּאָעמע „אַרטורס טויט“

בעדיווער איז געווען דער ערשטער פון אַלע ריטער, וועלכע דער קעניג אַרטור האָט געמאַכט, ווען ער איז געקרוינט געוואָרן.

גאַווייין איז געווען איינער פון אַרטורס ריטער, אַ לײַכטזיניקער.

לאַנסעלאָט איז געווען איינער פון אַרטורס הויפּט־ריטער און זיין בעסטער פריינט, די פאַרקערפּערונג פון אַלע גוטע מיילעס. אים האָט אַרטור געשיקט צו ברענגען די שיינע גענייוויר אין קעניגלעכן הויף צו איר כאַסענע מיט אים, אַרטורן. גענייוויר האָט געמיינט, אַז לאַנסעלאָט איז דער קעניג און האָט אים ליב באַקומען. זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַרטורן און נישט אויפגעהערט ליב האָבן לאַנסעלאָטן. איר מאַנס אידעאַלן האָבן זי נישט אינטערעסירט. דער נאָבעלער לאַנסעלאָט האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם ניסאָיען און האָט געלעבט מיט זיין בעסטן פריינטס ווייב. ס׳איז צוליב דעם פאָרגעקומען אַ מילכאָמע צווישן אים און אַרטורן.

מאָדרעד, איינער פון אַרטורס ריטער און זיין פּלימעניק, האָט שטענדיק געמאַכט פאַרשווערונגען קעגן אַרטורן, וועלנדיק פאַרכאַפּן דעם טראָן.

אַלמעסבורי, אָדער אַמעסבורי, ליגט אַרום אַכט מייל צו צאָפן־זייט פון סאַליסבורי, ווו דער אַלטער מאַנאַכטיר שטייט נאָך ביז היינט. גענייוויר, נאָכדעם ווי איר ליבע צו לאַנסעלאָטן איז אויפגעדעקט געוואָרן, איז אַוועק לעבן אין דעם מאַנאַסטיר פון אַלמעסבורי. אין אַ צייט אַרום איז אַרטור אַהין געקומען, און גענייוויר, פילנדיק גרויסע כאַראָטע, איז געפאַלן אין שטויב פאַר אים און געבעטן פאַרציייאונג. אַרטור האָט איר מויכל געווען און זי פאַרלאָזן. די נעפּלדיקע טונקלקייט אין דער וועלט איז געווען ענלעך צו דער טונקלקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיין נעשאָמע נאָכדעם, ווי ער האָט געזען זיין ווייב ליגנדיק פאַר אים „אין דעם שטויב פון אַלמעסבורי“.

לייאָנעס איז אַ מיטישע געגנט, וואָס ווערט אָפט דערמאָנט אין די ראָמאַנסן וועגן אַרטורן.

עקסקאַליבור איז דער נאָמען פון אַרטורס ווונדערלעכער שווערד, וואָס ער האָט אין אַ שיינעם זומער-טאָג, ווען ער איז געוואָרן קעניג, געקראָגן פון דער לײדי פונם לײק, וועלכע ווערט זײן באַשיצערין אַ גאַנצן לעבן. צום סאָף פון זײן לעבן נעמט זי צו די שווערד צוריק.

אַרטורס טיש, אָדער דער רונדער טיש, מיינט אַלע זיינע ריטער און באַראָנען, וועלכע זענען געוויינלעך געזעסן אַרום דעם קעניגס רונדן טיש. דער טיש איז געווען רונד, קעדיי צו ווײזן, אַז אַלע אַרום טיש זענען גלײך און קײנער נעענטער צום אויבנאָן.

קאַמעלאָט איז געווען אַ באַרג לעבן לײאָנעס (זע באַמערקונג „לײאָנעס"). דער באַרג האָט זיך אויפגעהויבן פון וואַסער און איז געווען באַדעקט מיט גערטנער, וועלדלעך און פּאַלאַצן. דאָ האָט אַרטור געוווינט. אַ נעוווע איז געווען פאַרשפּרייט, אַז ווען-עס-איז וועט דער באַרג פאַרזינקען אין דער טיפעניש פון וואַסער.

מערלין איז אַ צענטראַלע פיגור אין אַ ציקל פון מיטלאַלטערלעכע ראָמאַנסן און לידער. ער איז געווען אַ מאַגיקער און אַרטורס פרײנט.

אינהאַלט

	זייט
זאָל דער מענטש געדענקען	3
מיין וואָרט	5
אויף שטילע וועגן	6
אויף די כורוועס	7
אין אָנפאַנג	8
אין זומער־נאַכט	9
זומער־יוגנט	10
מיין האַרץ זינגט	11
מיין יינגסטע	12
די איז געקומען	13
אין אַ צעווייקטער נאַכט	14
יונגער פרילינג־טאָג	15
נישט געשטויגן...	16
די צויבער־נעץ	17
אין גינגאָלדענעם באַגינען	18
מיד	19
פאַרגייט אַ זון...	20
ווי אַן אָזול	21
פידל־קלאַנג	22
אַ שיף	23
אויפן באַרג	24
נשאָמע־רו	25
אין לויף פון צוג	26

זייט

יאָם און זונפאַרגאַנג	27
ביים יאָם	28
נידערט אָוונט	29
מיין וועג	30

מאַרסיאַדע

קאַפּיטל איינס	33
קאַפּיטל צוויי	44
קאַפּיטל דריי	48
קאַפּיטל פיר	54
קאַפּיטל פינף	58
בלום פון ליבע	63
אַרטורס טויט	66
באַמערקונגען צו דער פּאָעמע „אַרטורס טויט“	91